STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07708

# SHTOYB UN EYBIKAYT

M. Hosid

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. חסיד

# שטויב

## און

# אייביקייט

אילוסטראַציעס פון יאַן מענזעס
אותיות געצייכנט פון יחיאל שײנבלום.

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון קאַנאַדער קאונסיל גראַנט
און מ. חסיד בוך פאָנד קאָמיטעט

מאָנטרעאַל קאַנאַדע תשמ״א
1981

# Dust and Eternity

We gratefully Appreciate
The Assistance Received from
The Multicultural program
Department of the secretary of
State of Canada.

Printed by: גערדרוקט און אויסגעפּאַרטיקט פון:

**ADLER PRINTING AND LITHOGRAPHING REG.**
4180 De Courtrai, Room 218
Montreal, Que. H3S 1C3
**1981**

מיט דאַנק ווערן דערמאָנט:

דער קאָמיטעט פון "מ. חסיד בוך פאָנד"
דער "מולטי קולטור דעפּאַרטמענט פון דער
קאַנאַדער פעדעראַלער רעגירונג"
די פונדאַציע פון יידישער קהילה אין מאָנטרעאַל
די יידישע פאָלקס ביבליאָטעק.

א באַזונדערן דאַנק:

ד"ר הירש און דבורה ראָזענפעלד, פאָרז. פון בוך קאָמיטעט

בערל און רבקה פאָפּעלעס.
חיים שפּילבערג

ען אָרנשטיין פאַרן דורכפירן די טעכנישע
אַרבעט.

געווידמעט מיין פֿאַטער
עקיבא חסיד ע"ה און
מיין מוטער שבע חסיד ע"ה
מיט האַרציקער דערמאָנונג.

# שטויב און אייביקייט

טראָגסט, מרדכי, כאָטש אויף זיך
דעם צלם־אלהים?
רוט ער נאָך אָט אַזוי
אויף דיר
ווי ווען דו ביסט,
אַן עופעלע,
פון מוטערס־טראַכט
צום קינפּעט־בעט
אַרויס?

די גאָרע־וועלט
האָט זיך דאָרט
אָפּגעשפּיגלט שײַנענדיק
ביי דיר אין אויג —
דערנאָך מיט דיר
אין קינדער־וויגל.

וואָס אַרן דיך אַצינד
די שוואַרץ־פּאַרהאָנגענע
מרחקים
אין אַ צעקראַצטן
שווינדל־שפּיגל?

געבוירן
ביסטו דאָך
ווי יעדער איינער
פון אוראַלטן שטויב —
אין שטויב אַריין
וועסטו מסתמא
סוף כּל סוף אַוועק.
ס׳אַן אַלטע קייט.

דאָס גאַנצע לעבן דיינס
וועט אפשר זיין
אַ פוסטער־חלום.
וואָס האָסטו
פון דער ניט געשטויגענער
און אומרחמנותדיקער
אייביקייט?

קענסט הערן, און דערהערן,
בלויז אַמאָל,
אַ רחמימדיקע שטים —
אין לעבן איז זי זעלטן
און בנס פאַראַן.

אויב ווילסט מיט איר
פון שטויב אַרויס —
נעם זי אין זיך,
מיט קינדערישן ציטער,
ביז אין דעם סאַמע
שטויב, אַריין.

# גרענעץ

דאָ שטייט אַ שוואַרצער
גרענעץ־סלופּ.
די נאַכט פֿאַרטראָגט
אַהין
איצט
אַלע חשבונות
און לאָזט זיי איבער
פֿאַר אַ ווייטערדיקער
נאַכט.

פֿון הימל פֿאַלן
אָפּגעבראָכן
געטלעכע־וויבראַציעס.

עס אַרט קיינעם ניט.
גאָט שלאָפֿט.

דער גיהנום עפֿנט בלויז
אַן אויסגעקרישלט מויל,
מיט פֿוילע ציין,
און עמעצער פֿאַרחלשט
רופֿט.

עס ברענען אַלטע ביימער
און שרעקן איבער
די שאַריען.
די לופֿט איז טרוקן.

אַן אָפּגעלעבטער
אָדלער
זוכט מיך אַן אָנשפּאַר
אין די הייכן
און גראַבלען גראַבלט אים
זיין יורש
אויפֿן רוקן.

ביים ראַנד פון אָפּגרונט
הענגט אַ שאָטן
מיטן קאָפּ
אַראָפּ.

דאָ שטייט אַ שוואַרצער
גרענעץ סלופּ.

אַנטרין מיין אָנגעשראָקענער,
האַלב פרעמדער,
איך
ווו נאָר די אויגן
טראָגן.

לאָז מיך איצט איבער
איין אַליין,
ווען בייזע וואָלקן קומען אָן
מיט די שטאָק־פינצטערע
פאַרטאָגן.

# טרערן

טרערן זענען אין דעם הימל
ניט קיין טרערן —
ערגעץ ווערן זיי פֿאַרפֿרוירן.

קולות זענען ניט קיין קולות
אויב זיי גרייכן ניט
די אויערן.

מענטש איז סתם אַזוי
קיין מענטש ניט
אָן געוויין און זמר.

ווינטן בלאָזן בלויז
אויף הפקר.
ברעכן זיך, פֿון זיך אַליין,
איין
ביימער.

# אין דער היים

אין מיין היים
קריכט דער אומעט
אַרויף
אויפן בוידעם
און וויגט דאָרט
ווער ווייסט וואָס
אין וויג.

ווען ער לאָזט זיך
צוריק
צום אַרונטער
איז נישטאָ שוין,
בכלל,
קיין צוריק.

אין מיין היים
בלאָנקען שיינען
אַרום
איבער הייזער
און טרערט־ווו
אַ פענצטער
פאַרנאַכט.

אַ שוואַרציאָריקע־שלאַנג
שלינגט איין פעלדער,
אָדער האָט זיך מיר
סתם
אויסגעדאַכט.

אין מיין היים
שרעקט דאָס אויג זיך
פאַר גויים
און שרעקט זיך
פאַר אייגענעם בליק־
באַדאַרפט דאָרט
אַ וועלט
וואָלט מען
הענגען —
נאָר ניטאָ דאָך
ביי אונדז
אַזאַ שטריק.

אין מיין היים
ווייזט אַמאָל זיך,
גאָר פּלוצעם,
דער בורא
און רייסט אויס
די בערג
מיט זייער שויבער.

ער קומט־אָן
צערייצט,
(סאַראַ שוידער!)
כאָטש ער דאַרף
איבערבעטן
אַ יעדן.

נאָר מ׳איז שוין געווען
אין דעם גיהנום
און נאָך אוישוויץ
וויינט זיין קול
אויך אַרום אין גן־עדן.

# אין דיר

אין דיר האָט גאָט
צום ערשטן מאָל געטראַכט
אין דיר האָט אים
אַן עמעצער
צום קרייץ
מיט זיך געבראַכט.

אין דיר האָט ער פאַרלוירן
אַ יעדן סימן
פון אַ גוף
און אַ געביין.

אין דיר איז ער געבליבן
יידיש־אייביק
מיט אַ ניט
פאַרענטפערטן
געוויין.

# איבערשרעקן

איך שטיי אין אַ צערייצטן
שטורעם —
וואַרט אומזיסט.

איך ווייס ניט
וואָס מ׳וואַרפט אויף מיר
און וואָס
מ׳גיסט.

איך זע אַ פייער־חיה,
וואָס שאַרפעט
דעם אַרום,
עס הענגט אויף איר
מיין פנים
צעשפּאָלטן, דאַכט זיך,
אין דער קרום.

אַ בייטש ברענט
אין מרחקים —
וועמען
אויפצוועקן?

וואָס האָסטו, אייבערשטער,
פון וועלן מיך,
אַזוי אומיסטן
אייביק איבערשרעקן?

# אַזויפיל נאָדלען שטעקן..

איך וועל אַראָפּשלעפּן אַצינדערט
פון מיין ווייטיקדיקן ליד
דעם לעצטן שלייער —
זאָל ברענען דאָרטן
נאַקעט
ווי עס ברענט דאָס רויע
הפקרדיקע פייער.

אַזויפיל נאָדלען שטעקן
אין דער וווּנד אַרום.

און לאָזן וועל איך לאָזן גוייִם
אויסגעפינען אין זייער
גוייִשן־קאָמפּיוטער —
ווער פון זיי איז סתם אַן עשו
און ווער, קען גאָר זיין,
אַ טאָטער.

איך וועל שלעפּן זיך פּאַמעלעך
אויף מיין שמאָלן וועג
אַהיים.
ציען ציט מיך אָט אַהין,
פאַרכּישופט,
נאָר דאָס רויטלעך־מדברדיקע
היימלאַנד־ליים.

אַזויפיל נאָדלען שטעקן
אין דער וווּנד אַרום.

און פון מיין פּרצוף־פּנים
וועל איך אָפּרייסן
דעם לעצטן שלייער,
ס׳אַרט מיך, אָסור ניט,
צי וועט דאָרט ברענען
ווי עס ברענט אַ גיהנם־פייער.

גאָט, יודע תעלומות, פּאָטער
מוז איך דיך דען
אויך געפינען איצטער
בלויז בעזרת...
פון אַ גויישן־קאָמפּיוטער?

אַזויפיל נאָדלען שטעקן
אין מיין וווּנד אַרום.

# ווייסטו פֿאַרוואָס?

פֿנימער פֿאַרזאָרגטע
קוקן זיך ניט אָן.
נאָר פֿון מויל
דעם קרומען
שפּאַרט אַרויס
אַ צאָן.

אין אַן אויג
אַ בלינדן
רינט
אַ טראָפּן בלוט
און אַ צונג
אַ פֿוילע
ווייסט ניט
וואָס זי טוט.

בלויז די שרעק
די געלע
פֿלעקט
אַ רויטע
נאָז.

ווייסטו דען
פֿון ווען אָן?
ווייסטו שוין
פֿאַרוואָס?

# מיין צעהוידלטער וואָגן

יאָגן אין ביטערן שטורעם
מיין אַלטיטשקן־וואָגן
צערייצטע־ביינאַכט
אין פלאַם פון פאַרטאָגן.

טרייסלען אַרום מיך
אַ פאָלק לאַפּיטוטן —
זיי האַלטן אין שלעפּן
די באָרד פון מיין שאָטן.

ווהין זאָל איך לויפן?
איך שלינג בלויז איין מיילן
און פול איז מיין לופט
מיט פאַרבלאָנדזשעטע פיילן.

איך טרעף־אָן חצותן
אין מיטן פון טאָגן —
איך קען זיי פון זיך
מיט קיין פויסט ניט פאַריאָגן.

פאַלט, אַ צעחושטער אַוועק,
אַ מיזיניק פון שאָטן
און מוסרט די וועלט
מיט דעם ניגון פון טאַטן.

# אויפן ים

געשיפּלט זיך האָבן,
אין שיפעלער פּלאַטשיקע,
קאָזאַקן אויף זייער ים.

אַ שפּענדל
אויפן ים.

שיכּורע קאָזאַקן
מיט שנאה
און מיט סם.
ס'איז זייער טאַטנס־טאַטנס
דורותדיקער
ים.

געוויגט זיך נאָך אַ שיפל
מיט יידן —
טאַראַראַם,
אַ שיפל סאַמע לעבער,
אַ שפּענדל
אויפן ים.

יידן פול מיט פּחד
און תפילה
בלב־ים.
יידן מיט בטחון,
כאָטש ביטער
איז דער טעם.

דערזען האָבן קאָזאַקן
די יידן
אויף זייער ים —

גענומען ווילד
צו שיסן
מיט קוילן און מיט סם.

באַפאַלן איז די יידן
אַ גרינע־גראָע שרעק,
אַ שרעק אַז זייערס אַ שפּענדל
ניט גרייכן
וועט דעם ברעג.

ביז פּלוצעם
פון דעם קנאַקן
און שיסן,
הפקר סתם,
אַרויס איז מיטן פּולווער
אַ פחדימדיקער
פלאַם.

אַריין איז גלייך
דאָס שיפל
אין טיפעניש פון תהום —
אַ שיפל פול מיט פייער
ווי אַ גיהנום אויפן ים.

פאַרקערעוועט עס האָבן
די יידן זייערע קעפּ —
געזען:
העט ווייט צום הימל
עס טאַנצן, דאַכט זיך,
טרעפּ —

עס זינקט אַראָפּ
די זון גאָר
אין טיפעניש פון ים —
אַזוי ווי גאָטס אַ טרער
קלאָר
אין וווּנדערלעכער ראַם.

דאָס וויינט עס
דער באַשעפער
אויף אַ קאָזאַק
אין דעם פּלאַם —
צי אפשר,
כביכול,
אויף שפּענדלעך
בלב ים?

# ווערבע

ווערבע, אוריידישע ווערבע,
ביים ברעג פון אַ גוישן טייך,
פאַרגעס ניט דאָס יידישע לשון
העט דאָרט אין אַ סלאַווישן־רייך.

פאַרטרוי־עס דער צונג פון די בלעטער,
דעם פלאַפּל פון צווייגן ביינאַכט —
זיי זאָלן מיט יאַשטשערקעס לאַכן,
ווי מ׳האָט אָפּט פון יידן געלאַכט.

און טו זיי די בלוטן פאַרקילן —
ווי ס׳איז ביי די יידן פאַרקילט,
ווען מ׳האָט זיי געטריבן צום שייטער
און חוזקדיק מאַרשן געשפּילט

ווערבע, אוריידישע ווערבע,
פאַרפאָלג זיי מיט אויגן פון ייד
און וויין אויף די גוישע־טייכן
ווי אַ ווערבע קען וויינען אין ליד.

1946

# Con amore

איך האָב צעקריגט זיך דאָ,
מיט מיר
ביז אויף אַ מעסער־שטעך
אַצינד
און האָב געדאַרפט
עס זיך אַליין
גאָר קלאָר באַווייזן.

אַ סאָסנע האָט געבלוטיקט
אין אַ זוניקן־געבעט.
אַ ווינט האָט אומעטיק
געגלעט אַן אייזן.

אַ וועג געלעגן איז
אין מיטן האַרץ צעשניטן.
די זון האָט אין איר ראָד
פאַרלאָזט די וועלט.

און וווּנדיק האָט די נאַכט
אויף עפּעס־וואָס געליטן —
דער פראָסט האָט זי געהיילט
מיט ברענענדיקער קעלט.

נאָר איך בין איינגעשפּאַרט
געגאַנגען ווייט און ווייטער־
שפּאַנענדיק אַהין
וואָס כ׳בין פון דאָרט אַוועק.

ערגעץ מוז דאָך שטיין, זאָג,
אָט אַ יענע אַלטע לייטער
מיטן ווילדן שאָקלען
פון דער קינדערישער וויג,

וואָס אַז מ׳גרייכט שוין
מיט איר גאָר־גאָר־ווייטער־
קומט מען, ערשט אויס,
ווידער אויף צוריק.

# מיט קורצע הענט

גפערלעכע פאַרענטשן —
דער קאָפּ איז איבער זיי,
ווי אַ פאַרשעמטער קאָפּ,
געבויגן.

אַלע טרייסטן זענען פון אים
מיט אַ טשאַטע פרעמדע פייגל
ווילד אַוועקגעפלויגן.

קענסט צו קיינעם
זיך ניט ווענדן.

וויי טאָן טוט בלויז ווי נאָר
דאָס קאַפּריזנע קריכן
אין ניט באַוואָרנטע
אָן־ענדן.

דראַפּעסט זיך
אויף גלייכע ווענט —
קיינער האָט דיך
אין דיין קריכן
ניט דערקענט.

שרייסט —
פאַרשטומט דיין שרייען
און אַ הפקר פייער
ברענט.

וואָס קענסטו דען
אַרומנעמען
מיט קורצע, מענטשלעכע
און ציטערדיקע
הענט?

## די צוריקן

דער מענטש איז קליין —
נאָר איבער זיך
וואַרפט ער אַריבער
ריזנבריקן.
זיין בליק מעסט אויס
דעם אוניווערס,
טוט בלויז פאַרקוקן
די צוריקן.

דער מענטש איז גרויס
נאָר
גרעסער איז פון אים
זיין מאָגן —
ער שלינגט דאָרט איין
אַ האַלבע וועלט
און קען זי לאַנג,
אין זיך,
ניט טראָגן.

דער מענטש איז גרויס —
נאָר שטיקן שטיקט אים
אַ געוויין.
די גרויסקייט
לאָזט אים ניט
גאָר קלאָר
זיך זען.

איז ווי־זשע וועט ער
ערגעצוווּ
אַמאָל געפינען
אָט יענע נסימדיקע
ריזן־בריקן,
וואָס לויפן לויפט מען
דאָרט
העט ווייט פּאָרויס
ערשט ווען מ׳לויפט אַריין
אין די צוריקן ?

# מ׳שלאָפּט

מ׳שלאָפט,
מ׳גרייט זיך אַזוי
שוין
צום אייביקן־שלאָף.

די אויגן
פאַרקלעפּט האָט
אַ חלום —
גיי מאָל אים.

מ׳איז אויף,
מ׳מעסט אויס די ווייטן.

מ׳דרייט זיך אַהין
און אַהער —
כאָטש מ׳קען זיך דען
בייטן?

מ׳כאַפּט,
מ׳שלינגט שטיקער ערד —
האָט עס אַ ווערט?

באַלד שלאָפט מען איין
ווידער.
ערגעץ גרייכט מען,
אין דמיון,
אָט דאָרט
ווו מ׳האָט נאָך,
ביז איצט,
ניט דערגרייכט.

וואָס העלער עס ווערט
אַלץ
צוביסלעך —
ווערט עס נאָך מער
גאָר
פֿאַרבלייכט.

צום גליק איז מען ווידער
צוקאָפּנס
ביים אייביקן שלאָף.

מ׳זינקט און מ׳זינקט
טיף אַראָפּ,
כאָטש מ׳דראַפּעט זיך
דאַכט זיך,
אַרויף.

אַ פּינטעלע שטעלט מען
ביים סוף.

# אַ פּאָר שויבן

אַ פּאָר שויבן ביינאַכט,
אין אַ שטעטל
ביים פּלויט,
קוקן בייז היינט
צו מיר,
ווען דער הימל
ווערט רויט.

ווו פּאַרקראָכן בין איך
און פון שויבן
ווער קריכט?

סאַראַ אויג
ברענט אַזוי
אין אַ שווידערלעך
ליכט?

טויזנט קעפּ,
אין דערשרעק,
אויף אַ יידישן מאַרק־
טויזנט קעפּ
לויפן־אָן
און צעוואַקסן זיך
שטאַרק.

ביז ביי מיר
אין מיין שטוב
ווערט מיר ענג,
ווערט אַ גרוב־
און דערשראָקענע
ווענט
פאַלן ווילד
אויף די הענט.

און אַ שויב,
דורך אַ שויב,
קוקט אַרויס
גרוי און אַלט
און עס וואָרקעט
אַ קול,
ווי אַ סאָווע
פון וואַלד.

ערגעץ שלעפט ווער
אַ נאַכט־
אַלע נעכט
אין איין נאַכט.

דאָרטן האָט,
זעט אויס,
גאָט
זיך אַליין
אויסגעטראַכט.
אויסגעטראַכט
זיך אַליין
און זיין פּנים
פּאַרדעקט־
כאָטש זיין געטלעך
געוויין
האָט די נאַכט
אויפגעוועקט.

אין אַ שטעטל
פּאַרטאָג,
ווען דער הימל
ווערט רויט,
גייט זיך נאָך,
איין אַליין
בלויז אַ שאָטן,
פון טויט.

# ווען עס ברענען די ביימער

פאַרנאַכט ווען עס ברענען די ביימער
און עמעצער וויינט
ביי מיין טיר,
וויינט ער ניט אויבעט
אין דיר?

און ערגעץ אין מיטן חצות
ווען ער קלאַפּט מיטן קאָפּ
אין דער וואַנט
שטרעקסטו ניט אויס
אים אַ האַנט?

צי אין דעם בלוט פון שאַריען
ווען ס'הייבט גאָר ניט אָן
מער צו טאָגן,
וועט ניט צו הילף זיין
דיין וואָגן?

און פאַר פאַרחלשטע יידן,
וואָס רופן און וועקן משיחן,
וועסט אים ניט ברענגען
אין גיכן?

## געהאַט אין זינען?

אויף אונדזערע פינצטערע וועגן
וואַשט אָפּ די זאַמדן דער רעגן
מיט בלוטיקע טרערן.

אויף אונדזערע וויסטענע וועגן
אַ טויטער איז ער דאָ געלעגן,
דער בָחור,דער גאָלדענע שטערן.

אויף אונדזערע נאַקעטע וועגן
געקומען די מוטער אַנטקעגן־
זי וויל אירע זין איצט געפינען.

אויף אונדזערע גליטשיקע וועגן
מעג מען דיך, גאָטעניו,פרעגן:
— האָסטו געהאַט זי אין זינען?

## ווו מאַנט מען אַ פּנים?

אַ צוגלופט פאַרשלעפּט מיר
מיין פּנים.
די צייט קריכט אַרויס
פון מיין בעט,
זי קען מיך,
זי וויל מיר אַ שטאָך טאָן —
סתם אזוי
ווי מ׳שטעכט
אַ פּאָעט.

די זון טוט די אויגן
פאַרשאַרפן,
די וועלט קוקט פון מיר
ווייט אַוועק —
אין זייערע דאָרט
פרעמדע עולמות
וועל איך בלייבן
פון פלעקן — אַ פלעק.

אין זייערע עולמות עליונים
פאַרלירן
מיין מאָס און מיין וואָג,
זיך הוידלען אַרום
אין דער חשכות
אויף עפּעס אַ קרומלעכן — ראָג.

איז וואָס זוך אַרום איך,
פאַרחלשט,
אויף חרובע — גאַסן
פון סדום?

האָבן די דאָרטיקע
תהומען
געלאָזט אויך פאַר מיר
כאָטש אַ תהום?

און וועט מען דאָרט זינגען
אַ ליד
מיר?
דו קענסט שוין דאָס ליד
מן הסתם:
— עס וועט ווערן אַ תּל
פון פּאַלאַצן,
ווי געוואָרן אַ תּל
ס'איז פון סדום.

איך עק מיך
מיין פּנים איז מער ניט
מיין פּנים —
מיין פּנים איז ערגעץ
אין ווינט.

ווו — זשע מאָנט מען עס,
מאָנט מען אַ פּנים
און מאָנט סתם
ביים בלינדן
אַצינד?

# אדם שטום.

אַ שעה פון תפילה און יסורים.
איך ליג ביים סאַמע שלינג פון תהום.
נאָר בין ניט גרייט נאָך,ווי אַמאָל אברהם.
צו בעטן רחמים אויף פאַר סדום.

אַ שעה פון ווייטיקלעכן אמת —
ווען ווייסן ווייס איך ניט וואָס אמת איז —
פון אַלע ריסן וואָס איך האָב געריסן
איז אפשר דאָס דער טיפסטער ריס.

אַ שעה פון פינצטערן געראַנגל,
ווייל ווערטער קריגן זיך מיט זיך
אַליין אַרום.

קען דעם אַ מענטש אַ ווידוי זאָגן
ווען בלייבן וועט ער בלייבן אָדם
שטום?

# צי וואָלט אַמאָל

צי וואָלט אַמאָל צו מיר
אַפּלאַטאָ,
אָדער אפשר
אַריסטאָטל,
סתּם געקענט אַ זאָג טאָן
היימיש:
— העי, דו מאָטי,
רופט מען דיך ניט פּשוט
מאָטל?

און געלאָזט זיך
פֿאַר מיר סמען
וואָלט דער אַלטיטשקער
סאָקראַטעס,
ווען ער וואָלט געזען
מיך הענגען
אויף אַ שטריק
פֿון געלע לאַטעס?

און אַ שמייכל
וואָלט געטאָן דען
די פֿאַרביטערטע
קסאַנטיפּע —
ווען זי וואָלט
פֿון מיר
דערוווּסט זיך
אַז מ׳רופֿט זי
אַלטע — קליפּה?

צי דיאָגנעס,
אַ שטייגער,
יענער גריך
מיטן לאַמטערן,
וואָלט ער זיך
כאָטש אָנגעבויגן,
ווען ער וואָלט געזען
מיך ליגן
מיט אַ לאָך
אין מיטן שטערן?

וועל איך בעסער
זיך אַ קער טאָן
צו מיין אַלטן ירמיהון
און ניט שעמען
זיך צו קלאָגן —
ערגעץ פּאָלגט ער נאָך
מיך כסדר
אין די פּוסטריט
פון פאַרטאָגן.

זשומען וועלטן,
פרעמדע וועלטן,
אין מיין
יידישן געהער
און איך וויש מיר אויס
פון אויגן
זיינס
אַ חורבנדיקע טרער.

# מיין אַלטער זיידע

מיין אַלטער זיידע
לאָזט מיך ניט,
חלילה,
אָנרירן אַ האָר
פון מלך דויד.

דער זיידע
איז שוין לאַנג
אין אָט דער וועלט
ניטאָ —
עולם־האמת
איז איצט פול
מיט אים —
נאָר שפּילן שפּילט ער
אויף זיין האַרף
מיר אין די נעכט
אַריין
דעם מלך דווידס
למנצח.

און ציטערדיק איך וואַרט.
די הענט צונויפגעלייגט
און טראָגן טראָגט
אַ בשמים — ווינטל
צו מיר אָן
אַ ריין גן־עדנדיקן
ריח.

מיין אַלטער זיידע
איז
קיין גיבור
קיינמאָל ניט געווען
און גליתן האָט ער
בפירוש

ניט פֿאַרשטאַנען.
די אויגן זיינע
האָבן עפּעס וואָס
גאָר פֿון אַן אַנדער
ברונעמל
געשעפּט —
איך האָב לחלוטין
ניט געקענט
ביי אים דערגיין
דעם סוד
פֿון וואַנען.
ער האָט דעם קאָפּ
געבויגן
שטילערהייט
ווען מלכותדיקע שיין
איז פֿלאַטערדיק
פֿון זיינע באָרד און פּאות
עניוותדיק
אַרויס.

ניט שוין־זשע בין איך
צוליב אים,
מיט סאַמע ציטערן אַזוי,
פֿון די מעמקים זיינע
אויסגעוואַקסן
אָדם־גרויס?

# ביינאַכטן

ביינאַכטן אויף גאָר וויסטע
וואַקזאַלן,
קרומע בליצן,
אַ פרעמד, רוי געשריי —
לויפסט אַרום
און דו טאַפּסט אויס די לופטן —
טוט אין הימל
כאָטש
עמעצן ווײ?

ביינאַכט
צווישן בלינדע וואַגאָנען
און צעטראָגענע מענטשן
אויף טרעפּ —
טוט אַ שנייד, ווי אַ מעסער,
דער אומזין:
— זענען מענטשן
בלויז ביינער
אָן קעפּ?

חצות
מיט אַ פרעמדע פּאָר כמאַרעס
ווילד געטראָגן
צו ערגעץ אַ תהום —
שיקלען אויגן
מיט אייגענעם אָפּשיין
און אַ מויל מאַבט:
— מ'לעבט
מן הסתם.

און אַרויף צווישן שטערן
ווי בערן
און נאַסלעכע ליפּן
פון ווינט —

טוט אַ קוק בייז
די אַלטע לבנה
און לייקנט
אַן אַנדער אַצינד.

# אַ רייטער

איך זע אָן מיינע אויגן מער
ווי מיינע אויגן קענען זען
און ער, מיין אומעט,
זעט דאָך מן הסתם נאָך ווייטער.

אויף פוסטע פעלדער,
אויסגעקרומט געביין,
עס שטייט פאַר מיר
אַ משונהדיקער רייטער.

איך ווייס ניט, באמת,
וואָס איך ווייס
און טיף אין מיר
איך ווייס עס.

איך שפּאַר אָן פּלוצעם
ערגעצוו אין דעם אַמאָל —
נאָך פריער נאָך
קען זיין פון בראשית.

איך ווייס ניט באמת
וואָס איך ווייס —
זאָל זיין אַז טיף אין זיך
איך ווייס עס?

איך רייט אַרום זיך,
רייט און רייט
און ווער פון זיך אַליין
אַלץ ווייטער.

און וואַקסט מיין שטוינען
ווען איך רייט:
בין איך געבוירן דען
צו זיין אַ רייטער?

# דער שכּורער חלום

אין שייבעלע פון חלום
קלאַפּט דערשראָקן אָן
די טויב:

— אין דרויסן איז אַ מבול
און נח לעקט
דעם שטויב.

גאָט האָט אויך
חרטה,
שמייסט ער, שעלט
די ערד.

האָב איך מיך
(שלאָפסט חלום ?)
צו דיר
זיך אומגעקערט.

דרייט זיך, דרייט
דער חלום,
שטויסט דאָס בלוט
אין מוח:

— ווו נעמט, ווו
דאָס טייבל
אַזאַ מין ווילדן כּוח?

אַרט זי אַלץ
דער מבול?
שרייט זי סתּם אַרום?
זען זעט אויס
דעם חלום
אַז גלייך
איז דווקא קרום
און חידושט אים
דאָס טייבל
וואָס איז ער אַליין
פאַרחלומט —
נאָר פאַרגעסט
דעם עיקר,
אַז אין אַזאַ מין חלום
מוז נח זיין
טויט שיכּור.

# האַלב אין דעם קרום.

וועלטן טראָגן זיך איצט
בראשיתדיק,
געלעקט פון ווינטן,
ווילד אַרום.

אָדם וואַקסט
פון דער אדמה
האַלב אין דער קרום.

עס מעסטן זיך אויף אים אָן
אַלע ווייטערדיקע
דורות,
וואָס אויסקלייבן פון זיי?
אַ קין, צי אַ הבל,
צי ביידע
אין איין איוב?
וואָס טראָגן טעג
אין שויס פאַר אים?
וואָס איז ער זיי מחויב?

עס בריט אים שטאַרק
אין לייב
דאָס מעסטל שטויב,
דער סוד פון ערד.

פאַרצערט פון ניאוף, שכרות,
מאָרד —
וואָס וועט זיין גוף איר ברענגען
נאָך אַמאָל צוריק,
וואָס פאָרט?

בלויז אָנפילן די הייך, די טיף
די ברייט?
אָן גאָט, וואָס מיינט באמת
צייט?

זאָל זיין אַז הונגער
אַזוי שאַרף און גרויס
ווי שטנס שלעפן פון דעם גוף אַרויס?

פאַרשאָלטן ווי עס טוט אים וויי
דאָס לעבן,
ביז צו דער זיבטער ריפּ —
קניפּט אויף אַ קנופּ
און טוט אים ווידער
אַ פאַרקניפּ.

נאָר עפּעס שלאָגט זיך דורך
פאַרליבט,
ווי דורך אַ שטיין.
חוה,האַלב געשלעגלט
קריכט אַרויס פון אים
מיט אַ צעפּיעשטשען
געוויין.

# שברי — קולות

איך טענה צו זיך
בייז
און הער מיך אויס
געדולדיק.
פאַרשלעפּטע ווידער קולות
רייסן זיך אין מיטן
פון מיין קעל
ארויס.

די וועלט איז קליין
(כאָטש אָפּטמאָל איז זי דווקא גרויס)
און רעדט צו מיר
ווי ס׳וואָלט גערעדט דער ווינט:
— פאַרקויף מיר
דיין אַמאָל.
באַדעק מיט אַש
דיין זינדיקן אַצינד
און דין צו אַלדע שוואַרצע
יאָר
וואָס קענסט ניט
ליידן.
דין ווי אַ קנעכט
און האָב אַלץ
פיינט.
דין צו דיין היינט!

איך הער ווי עס הייבט
אין מיר זיך אויף
אַן אַנדער קול
און שמייסט
מיט פייערדיקע־צונגען.

(די שברי־כלים
האַלטן אַלע מיט.)
— ווי ווייט פאַרקראָכן
ביסטו דען
צו דעם פאַרסמטן
ניין?

וואָס פאַר אַ פּנים
האָט ביי דיר
דיין איין אַליין?

ויהי ערב ויהי בקר,
איך טראָג אויף זיך
נאָך אַלץ
מיין הויקער.

# ווּעסט באַצאָלן

זאָג ניט
אַז דאָס לעבן
איז אַ דולהויז
כאָטש ס׳איז.
ס׳איז.

זאָג ניט
אַז אין האַרצן
איז אַ ריס.
ס׳איז.

זאָג ניט
אַז דער כביכול
האָט סתם אָנגערייצט
דעם שטן
דיר צו טאָן אַ ביס.
ווייסער — וואָס — אַ ביס.

און דערמאָן גאָרניט,
חלילה,
אַז די הימלען
און די שטערן
זענען ווילד
אויף דיר געפאַלן
און דיין פערד
איז ווייט אַנטלאָפן
און געלאָזט דיר
פוסטע שטאַלן.

אויף פאַר וויסטע
בערג און טאָלן —
ווּעסט באַצאָלן!

# צלמים אין דער נאַכט

צלמים אין דער נאַכט,
ווער האָט אייך
אַזוי ברענענדיק
צו מיר אין חלום
מיטאמאָל אַריינגעבראַכט?

דאָרפישע שליאַך־קרייצן
וואָס האַלטן, דאַכט זיך,
אין איין בודק זיין דאָ
איינס דעם צווייטן.

צוויי קרייצן
צווישן זיך
גאָר מאָדנע־פרעמד.

אויף איין קרייץ הענגט
אַ מוסטער פון אַ נזיר
אין פראָסטן, קויטיקלעכן
העמד.

אַ סטאָליערס־זון,
אַן אויפגעבכאָוועטער אין גליל —
בייגט ער דעם קאָפּ אַראָפּ
אין ליידן,
אַ פאַרשעמטער,
באַהאַלט פון גויים אויס
זיין יידישלעכע־באָרד.

(דאָ האָבן זיי, די גלויביקע,
געפינען גראָד
דאָס צוגעפאַסטע־אָרט
אַ ייד אַריינצוואַרפן

אין דעם ברונעם,
צוערשט געהאַלטן אים גאָר לאַנג,
אַ פּנים,
מיטן קאָפּ
אַראָפּ.)

דער צווייטער קרייץ
איז גוייש — פּריציש,
עס הענגט אויף אים,
אַ נאַקעטער,
דער געטלעכער־פּאַרשוין.
דער קאָפּ טראָגט שטאָלץ,
אויף זיך,
אַ גילדן־רעמל
און פון די האָר אַרום
ווערט אויך
אַ מאָדנע־קרוין.

די באָרד, די אַרישע,
איז לייכט באַנעצט
ווייזט אויס,
מיט בוימל
און ליפּן רויטלעכע
טוען זיך
דערביי
קאַפּריזנע־בלאָזן.
אַזוי האָט אויסגעזען
ביי זיי
גאָטס־זון,
וואָס וועט די ערד
די זינדיקע
שוין מערער ניט פאַרלאָזן.

נאָר דאַכט זיך
ערגעץ שפּיגלט זיך,

ניט ווילנדיק,
ביי אים אין בליק
אַ יינגעלע, אַ יידיש,
וואָס איז אַרויס
אַנומלט
פון אַ געטאָ־ליק
און נאָכגעיאָגט
עס האָבן
נאָכגעיאָגט אים
אָנגערייצטע הינט.

דאָס יינגעלע, נאָך גאָר אַ קינד,
האָט זיך פאַרפּלאָנטערט
אין אַ דראָט
אַרום אַ פּלויט
און שוין געבליבן הענגען
דאָרטן
טויט,
פּונקט
אין יענעם וואַזשנעם זונטיק,
ווען מ׳האָט דאָס אים,
דעם קרייץ
געבראַכט גאָר יום־טובדיק
צו טראָגן
און הויך אַוועקגעשטעלט
אויף תמיד
אָט אַ דאָ
אין מיטן פון דעם פּריצישן
מאַיאָנטיק.

דער ווינט האָט שפּעטער,
מיט אַ געטלעכן־געוואָי,
אַריינגעטוליעט טיף זיין קאָפּ
אין יינגלס בלוטיקער — קאַפּאָטע

און מיטן עק מיט זיינעם
אַ שמיר געטאָן
די לויזע בלאָטע
איבער די פאַרבן פלעקן
פונעם קרייץ
און ווי אַ ווינט אַ טאַפּ געטאָן,
בלויז איין מינוט,
דעם צלם און די אויסגעמאָלטע
הענט מיט בלוט.

צלמים אין דער נאַכט
ווער האָט אייך,
קלויסטערלעך צעהוידלט
אין חלום מיר
גאָר אָט אַזוי
אין מיטן שלאָף
אַריינגעבראַכט?

# נאָך דער עקידה

איז יצחק בלייך אַראָפּ
אַן אויפגעטרייסלטער
פון דעם מזבח
און ציטערדיק באַקוקט
זיין פאָטערס הענט —
ער האָט זיי
ניט דערקענט.

האָט ער זיך
נעבעכדיק
דערשלעפט
ביז צו זיין מוטער
שרהס
ליידיקן געצעלט.
זיין מאַמע
האָט אים דאָרטן
גוואַלדיק אויסגעפעלט.

און אויפגעהויבן
האָט ער תפילהדיק
די אויגן
צו די הימלען
און דער געטלעכער
פמליא —
נאָר פאַרשטעלט אַהין
האָט אים דעם וועג
אַ ביטערער
אַצינד.

האָט יצחק מיטאַמאָל

גאָר ווייטיקלעך
דערפילט —
אַז ווען ווען וואָלט ער ווען
ווערן איצטער
שוין אויף תמיד גאָר
אויף ביידע אויגן גלייך
לחלוטין
אָדם בלינד.

# פלאַנצן

פלאַנצן וואַקסן ערגעצווו
אין מיר אַריין
מיט זייער יאָרטויזענטער
געביין:
— דו ביסט אין אונדז
אַמאָל
און מיט אַן אַנדער פּנים
לאַנג געווען
איז וועסטו אַנדערש ווערן.
גאָט האָט איצט
דיין שטיל געוויין
דערהערט.
גענוג צו וואַנדערן
אַ פרעמדער
און אויף אַ פרעמדער ערד.

די הימלען
האָבן מיט אַ מאָל
גאָר אויף אַ ניט באַקאַנטער
זייט
זיך אויסגעדרייט.
אַלץ האָט פון מיר
זיך
משונה פלוצעמדיק
לחלוטין
אָפגעשיידט.

וואָס איז געווען
און אפשר קיינמאָל
נאָך אַזוי גאָר ניט געווען —

האָט אַ וואַקס געטאָן
אַ קנאַק געגעבן
און אין בענקשאַפט
צו אַן ערדישן אַמאָל
מיר אויסגעקרומט אַזוי
מיין אַלט געביין.

# די אַמאָליקע פּאַווע

וווהין איז אַוועק די אַמאָליקע פּאַווע?
איך וויל מיך דערמאָנען..קען זיין אַז כּך הווה,
אַריין איז זי איינמאָל צו אונדז אין דער כאַטע
און שטאָלץ זיך געשטעלט אויף דער האַנט פון מיין טאַטע.
געגוגערט, געוואָרקעט, מיך אפשר גערופן.
די מאַמע פול זאָרגן, דרייפערטל פאַרשלאָפן,
געבעט האָט דעם פויגל אַ בעט אין מיין חלום.
איך זע נאָך דעם פויגל, אַזוי־אָ איך מאָל אים.
אַוועק איז אַוועק ער, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פּאַווע,
דאָס גאָלד גיך פאַרלוירן, דער שטעל האַלב טשעקאַווע.
פאַרלאָזט אַלע פעלדער, די וועלדער,די יידן
און קומט נאָר צו חלום אויף פרעמדע יאַרידן.
דערזעט ער דאָרט פייגל פון אָדם און חוה,
זיי טרייבן אַוועק אים — ער איז ניט זייער פּאַווע.

# די מויז

אַ שאַק מיט יאָרן
האָב איך אַלץ געלעבט מיר
אין אַ פינצטערער
כאַלופּע
אין דער ערד טיף
איין אַליין.

און ערגעצווו
געגלאָצט אויף מיר
און זיך געטרייסלט,
האָט אַ מויז
ווען איך האָב צוגעלייגט
צום קאָפּ צו מיינעם,
אין אַ מיטן נאַכט,
צעפּאַרעטע־קאָמפּרעסן.

געאַנט האָב איך,
אין חשכות טיף
אַריינגעשלונגען,
אַז ערגעצווו גאָר ווייט
גייט־אָן,
אין פולן ברען,
די לעצטע מוראָדיקע
שלאַכט
פון גוג ומגוג
און שניידט דעם גורל
מיינעם,
ביז צום סאַמע האַרץ
דער סמך־מם.
זיין שווערד איז שאַרף

און ווי אַ שווערד
אי קרום, אי וואָגיק.

און אין איר לעבעלע
געציטערט האָט
די מויז
פאַר מיר
און פאַר מיין יעדן
פינטל מיטן אויג
און סקריפּען מיט
אַן אַלטער טיר
און זיך באַגראָבן,
טיף אין שפּאַלט
פון רויער — ערד,
ווען ס׳האָט מיין פוס
איר שלאָף געשטערט.

ביז איינמאָל,
צי פאַר שרעק,
צי אפשר גלאַט אַזוי
האָב איך די דלת־אמות
פון מיין דירה
שטום געקנאָטן
און אָן אַ ווי און וואָס
מיט מיינע שטיוול שווער,
ניט ווילנדיק בכלל,
די מויז גאָר
ביז אויף טויט
צעטראָטן.

## איינס און איינס איז דריי?

הייב אָן מיין ליד
אַז
איינס און איינס
קען זיין אויך דריי —
ווייל צווישן אונדז
איז ערשט אַ דריטער
היינט אַריין
צו אונדז אין שטוב.

ס'איז אפשר דער
וואָס איז פאַרסאָפּעט
ערגעצוו אַנטלאָפן
טיף אין וואַלד —
צי ווי אַ חיה
זיך אַריינגעגראָבן
אין אַ גרוב.

מיר האָבן אים אַצינד,
ניט ווילנדיק,
אריינגעבראַכט דורך דיר,
מיין ליד,
צו אונדז
אין שטוב.

עס ליגט דערווייל
פאַר מיר
אַ ניט דערעסן
טרוקן שטיקל
קאָרנברויט.

איך פּרווו עס גיך

אַרונטערשלינגען,
נאָר אומזיסט —
די פענצטער שעמען זיך
און ווערן, קוקנדיק אויף מיר,
אי גרין
אי צונטער־רויט.

ווען וועט דער דריטער
אויפהערן מיט זיינע אויגן
אויך צעקייען
דאָס שטיקל
אַלט־געבאַקן קאָרנברויט?

פאַרענדיקסט, ליד,
ניט קוקנדיק אויף מיר.
אַז איינס און איינס
איז היינט, סך־הכל,
גאָרניט ניט —
ווייל קיינער האָט שוין
קיין הנאה ניט
פון אָט דעם ביסן.

דער לייענער וועט
דאָס ליד אַוועקוואַרפן
פאַרשעמט —
צי אפשר האָט ער עס
אויף פיצלעך
גאָר
צעריסן.

און ס׳איז קיין חילוק ניט
ווער איז אָט איצט
פון אונדז
געבליבן
אָן דעם לעצטן ביסן.

# אין דער פרעמד

מענער שלאָפֿן מיט מענער
און פרויען מיט אייגענע הענט.
זין שעלטן און שענדן די מאַמעס
און מיידלעך בייסן די הענט.
נעם מיך אַהיים.

פון אַלטע ווולקאַנישע שטיינער
וואַקסט אויס אַ גיהנום מיט שטעט.
דער ווינט טרינקט זיי אָן מיט בענזינען,
די נאַכט פאַרסמט זיי זייער פרייד.
נעם מיך אַהיים.

עס וואַרט דאָרט אַ הימל אויף מיר,
אפשר אַ קבר האַלב אָפן —
עס וואַרט דאָרט אַוודאַי די ערד,
איך בין מיט איר שטויב
ווייט אַנטלאָפן.

מאָנט זי מיין גוף?
מאָנט מיין ליים?
אַ היים בלייבט אַ היים.

# טרעפּ

אַ לעבן לאַנג
גיי איך אויף טרעפּ אַרום
כּסדר.
ניטאָ איז פֿאַר די טרעפּ
קיין סוף.

אָט גיי איך מיט זיי,
דאַכט זיך,
שוין אַראָפּ,
אַראָפּעט
און פּלוצעם
לויפֿט אַ טרעפּ
אַ ווילדן לויף
אַרויף.

מדריגות אויף מדריגות,
איך ווער פֿון זיי
צעהווידלט
און קען מיך ניט
דערשלאָגן
צו זייער סאַמע סוף
און זין.

ווו איז דען ווו דער מזרח
און ווו געזען איז
מערב
און דרום,
אויב ס׳איז דרום,
ווו קומט ער גאָר אַהין?

אַ לעבן לאַנג איך גיי
אַרויף־אַראָפּ
אויף לעבנס
און רעד מיר איין
אַז גיין
איך גיי אַזוי
מיר מונטער.

נאָר עפּעס,
וואָס איך האָב עס
בכלל נאָך ניט געהאַט
גאָר,
שלעפּט מיך
און מיין לעבן
פון אַלע טרעפּ
אַרונטער.

## אויסוואַשן

ווער קען מיט זיין בלוט
היינט
אויסוואַשן
דעם קויטיקן־פינצטערן
מאָרגן?
קאָנען עס לידער?

איך וואַרט.
אַלע ווערטער אַנטלויפן
דערשראָקן
אַריין אין אַ פוסטן
האַרמידער.

אַ וואָרט ווערט
אַן אויג פון מיין מאַמען,
אַ זילב —
גאָר אין גאַנצן מיין טאַטע.

אַ ים
טראָגט אַרום זיך
צעטרייסלט
און שלעפט מיט
מיין חרובע־כאַטע.

וועל איך דערגרייכן
סמבטיונס?
געפינען דאָרט
היימישע גלידער —
דאָס בלוט
זאָל זיי וואַשן
די ווונדן —
אויסוואַשן די פענצטער
פון לידער?

# בעטלער

אַלע דורות בעטלער
פון די ליידיקע געמאַרקן
גייען דורך דיר דורך
און בעטן שטומערהייט
ביי דיר
אַ וואָרט.

אַלע ווילן דיך פאַרנאַרן
און פאַרשלעפּן
צו אַ ניט געדאַכטן
בעטלער־אָרט.

אַלע אינדערפריען
שעמען זיך דערנאָך
דיך אויפצוועקן —
די נאַכט
קען אויך שוין ניט
באַווייזן
מוטערלעך
דיך צוצודעקן.

ליגסטו
מיט אַן אָפן אויג
און ליידיק איז
אַן אַלטער לאָך
אין סאַמע מיט פון קאָפּ.

עולמות
זינקען ערגעצווירעמערט
פון דאָרטן

אין אַ טיף אַריין
און גליטשען זיך
העט־העט
מיט ווילדע קולות
צום אַראָפּ.
און אַלע בעטלער
קומען אָן
פון וועלט־בהלה
און בעטן, מאָנען
איצט ביי דיר
אַ טייל, אַ חלק
פון דיין ניט היגער
אויסגעבאָרגטער,
אָרעמער,
קבצנישער־נשמה.

# נאָסטאַלגיע

איך בענק אַזוי
נאָך מיינע פיס
וואָס האָבן מיך אַמאָל
מסוכּנדיק געביסן
און נאָכן אַלטן בעט
וואָס האָט אַריינגעקרעבצט
מיט די חלומות אירע
אין מיין שלאָף אַריין,
ווען עפּעס האָט
די אויגן מיינע
פּלוצעם אויפגעריסן.

און בענקען בענקט זיך
נאָך דער קאַץ,
וואָס האָט אַרומגעזוכט
איר אָפּגעהאַקטן עק
און ווילד אַ שפּרונג געטאָן
אויף מיר
און מיך צעדראַפּעט
מיט אַ פאַלשן
לעק.

און אַ פאַרבענקען
טו איך זיך
(סאַראַ געלעבטער!)
נאָך יענעם קרומען
אַלטן גוי,
וואָס האָט געהייסן
צי אַנטאָשע, צי וואַסיל
און האָט געהיט

און קיינמאָל ריבטיק
ניט דערהיט
אויף ווי ס׳באַדאַרף צו זיין
די אַלטע שטעטלדיקע
מיל.

און אַ קאַבצאַנסקע חשק
וועקט אין מיר
די מיל אַליין
צו באַסאַראַבער
לחמא־עניא מאַמעליגע
פון עבטן קוקורוזע־מעל.

איז גיי דערצייל
אַז היינט
ליגט סתם אַ טאָג
זאַנודיעט
און שלינגט אַריין אין זיך
אַ האַלבע־שוועל.
די זון באַלעקט אים
מיט רחמנות־צונג
און ווערט האַלב רויט
האַלב געל.

און בייסן בייסן מיך
שוין גאָרניט מער
די פיס.
(אויך אַ חסרון!)

דאָס בעט איז לאַנג
אַ ווילדער גלות,
און פוילט זיך
אין דעם מידן מוח

מיט שטעטלדיקער ווינטמיל
און נאַשפּיץ פערד
גאָר הפקרדיק
אַריינצופאָרן.

אַלץ אַרום איז שטום.
און עס סקאַוווטשען שוין
אַפילו ניט
קיין הינט.

איז ווי־זשע קען מען
בענקען,
גאָטעניו,
צו אָט אַזאַ מין
ניט געשטויגענעם
אַצינד?

# שפעט איז אויף דער וועלט.

ערגעץ ברומען ווילדע חיות־
קריכן זיי אויף מיר?
אַ וועלכע פראָנטן
האָבן זיי שוין דורכגעבראָרכן?

אומגעקומען זענען וויפל טעג
און נעכט?
איז נאָך געבליבן כאָטש
אַ רעשט פון אין דערוואַכן?

קאַלט איז אין מיין שטוב,
ווי אין אַ פסאַרניע.
עס חלומען זיך
מייז פאַרפרוירענע
אין מיטן פונעם בעט.

אַ ווייטיק לעבערט מיר
די אויערן,
אפשר וויל מען
איך זאָל עמעצן
אַרומנעמען און וואַרגן,
איך זאָל ניט דאַרפן
קיינעם
שפעטער טאָן אַ גלעט.

אין שכנס צימער
איז איצט
פון קאַיאָר אָן
אָפן
אַ הייזעריקע ראַדיאָ
און שפאַלטן קולות זיך

פון דאָרטן אָפּ
און שטופּן זיך באַלד
מיט אַ ביטערן־געשפּעט
העט טיף
אין קאָפּ אַריין.

קען אַזוי שפּעט
שוין זיין
אויף אָט דער שפּעטער
וועלט?

קוק:
אַלע גאַסן זענען
אין אַ בלינדן־רויך
אַריין
און בלויז איין זייטיק
פענצטער
האָט אַדורכגעלאָזט
דורך זיך
אַ ים מיט שרעק.

ווו מוז איך איצטער
זיך געפינען?
אויף וועמען שיסן?
קען איך כאָטש
בלויז אַ רגע שרייען,
רעווען,
איך זאָל ניט דאַרפן
הערן,
זען
און מער לחלוטין
גאָרניט
אָנהייבן צו וויסן?

# פיעכאָטנע ווערטער

עס זענען שפּעט ביינאַכט
מיר פון דעם מוח אַרויס
און ווייט אַנטרונען
פיעכאָטנע ווערטער
דעזערטירן.

וואָס האָבן זיי מיט זיך
דורך דעם געהירן
שוין אַרויסגעטראָגן?

רויט האָט אָנגעהויבן
אין מיינע ווייסלעכער
צו טאָגן.

האָב איך דעם לאָמפּ
אויף גיך
פאַרלאָשן
און אויפגעעפנט ברייט
די לאָדן.

אַ חשק איז אין גוף
העט טיף
אַריין
און אָנגעחשקט
אַלע גלידער:
— כּדאַי זיך, אפשר,
איצטער
אויסצובאָדן.

און ס'איז אַ היץ אַרויס
מיט איינמאָל
פון דער באָד
און נאַקעטע פאַרשוינען
(פון וואַנען אָנגעלאָפן?)
געגאָסן האָבן זודיק וואַסער
אויף גלאַטע שטיינער

פון דער שוויצבאַנק
און צערייצט דיביינער
און בריענדיקע בעזעמלעך
געשמיסן האָבן רויטע לייבער
פון ערגעצווו אַריינגעשטופּטע
און ס׳האָט צעוויגט זיך באַלד
אַ קאַטאָרזשנע געזאַנג:
— שמייס, וועבטער, שמייס
און אַ פּאָהיבל
אויף דער גאָרער וועלט!

ביז אַלץ האָט זיך
געטאָן
אַ מיטאַמאָלנדיקן בייט
און אין אַ שטיקנדיקן־גאַז
געפאַלן זענען הענט און פיס
אויף פרעמדע קערפּער
און העלדזער האָבן
אין גסיסה־אַנגסט און ווײ
געבאָרכלט.

די ווערטער די פּיעבאָטנע
זענען שפּעטער
ווידער אָן
מיט פחדימדיקע בליקן
און צורות
קרום פאַרצויגן.

זיי האָבן ניט געקענט
מיך
באַזונדער איבערראַשן —
נאָר ס׳האָט זיך ניט
געלאָזט
שוין קיינמאָל מער
זיי
פון קעמערלעך אין מוח
לחלוטין
אויסצוואַשן.

# האָסט אַ ברירה?

פאַלן שטיקער פון גן־עדן
אין דעם גיהנם
ווילד און קרום.

גאָט שוכן מעונה,
נעם מיך מיט דיין האַנט אַרום.

פאָכן ווינטן פון זיך אויס
די לעצטע שיין.
הער זיך איין!
אין קול ואין עונה.
מרדכי, האָסט אַ ברירה?
נעם דיך מיט דער נאַכט אַרום.

# בראשית ברא

יונגע פאַרפלעקטע פאַרנאַכטן
שווימען אַרום אָן אַ היים.
בראשיתדיק פרירן די ביימער
מען טריקנט אַריין אין דעם ליים.

פייגל פאַרטשעפן אַ סקאַלע
און שטרעקן די פליגל צום ווינט,
עמעצער שפאַנט אויף די וועגן,
דער וועג שפאַנט־מיט גליטשיק און בלינד.

פון הימל דערלאַנגט מען אַ פענצטער,
די נאַכט נעמט עס מיט אין איר נאָרע
און זעט דורך דעם פענצטער אַ חלום:
בראשית? בראשית ברא.

# וואָס באַוואָרנט מיך?

וואָס באַוואָרנט מיך
אין ווילדן הפקר?
די ניט באַוואָרנטע
גערעכטיקייט?

אַ קרומע שווערד?
אַ ביסטרע פערד?

אַ בייזער־חלום
צווישן צוגעגרייטע
אַטאָם־באָמבעס?

צי סתם אַן אַלטער גורל
פון ערגעצווו
זיך שטויסנדיקע,
הוידלענדיקע
אַלוועלטלעכע־פּלאַנעטן?

אָדער פראָסט און פּשוט
גאָר
מיין מידער שלאָף
וואָס טוט באַהאַלטן זיך
און מיך
טיף אונטער ווייכע
מוטערלעכע פּערענעס
און אַלטע, קינדערישע
איבערבעטן?

# אויף אייביק

איך שעפּ און איך שעפּ
אַלץ ניט אויס
פון תנ״ך
די מענטשלעכע טרער
אין אַ געטלעכן־בליק.

עס ציט מיך אַרונטער
צו זיך טיף
אַ תהום —
וואָס טראָגט, דאַכט זיך, מיט
אַ גינגאָלדענע־בריק.

דאָרט שטיי איך, אַ פרעמדער,
אויף עפּעס
אַ וועג —
ווען שטייען עס שטייט מיר
מיין גוף אין דער זייט.

עס האָט ניט פאַרווישט נאָך
דאָס פּנים
די פרעמד
און האָט ניט פאַרעלטערט
די אויגן די צייט.

עס קוקט מיך אָן
מאָדנע
אַ שטערן און שמייכלט
און ציטערט אַ ווינט
האַלב ניט גלייביק און גלייביק.

און ווייסן איך ווייס
אַזוי פּשוט
און פּראָסט,
אַז פּשוט און פּראָסט
מיינט אויף אייביק.

# פאַר מיינע אויגן

פאַר מיינע ניט דאָיקע אויגן
וואַרט אַן איין־איינציקע
בריטשקע —
איך בין נאָך אין איר
ניט געפאָרן.

איך אייל מיך.
איך דאַרף באַלד איינפּאַקן
אַ בינטל
מיט האַרבסטיקע־יאָרן.

לויפן אָן פענצטער
פון הפקר
און ווינקען.

גאַסן פאַרמעקן
די אייגענע שפורן
און ווילן
פאַרזינקען.

שווימען אַרום בייזע ווייטן
אָן שטערן.
וועל איך צו זיי
זיך אומקערן?

איז וואָס וועט
פון אַלעמען
ווערן?

# ראַטעווע משיחן

ראַטעווע משיחן
מיר
בנס אַרויס
פון טעמנע גלותן
און פעקל אים אַריבער,
אויף דער גיך,
קיין ארצישראל.

אַן עני, אָן אַן אייזל
אַ פרעמדער
אין אַ גוישדיקן
מויל.

ער וועט אונדז אויסהיילן
די קרענקלעכע מחשבות
און וועט אַ שלום מאַכן
אין צעריסענעם
געמיט.

ער קוקט אַצינדערט
אין די דראָבנע אותיות
צו מיר אַריין
און שמייכלט האָפערדיק
ביים סאַמע סוף
פון תרגום־לשונדיקן
ליד.

# הינטער אותיות

איך באַהאַלט הינטער פּלייצעס
פון שטומפּיקע אותיות
אויס
דעם סכום
פון מיין גאַנצן אומוויסן
און שמייסן
מ׳שמייסט מיך
גאָר ביטער אַזוי
ווי מ׳האָט מיך
נאָך פריער ניט געשמיסן.

עס שניידן זיך בליצן
און קריכן אַוועק
אין בהלה
מחשבות
באַוואָרנט מיט אַלטן־געפּעק.

דער ווינט רייסט
די כמאַרעס אַרויס
פון זייער קאָפּ
און ציטערן אויגן
פאַרלאָפן
מיט נאַקעטער שרעק.

דערטראָגט זיך
דער הימל
טשעקאַווע
צו מיר,
האַלב געפּלעקט
האַלב נישקשה

פאַרוואַסערט
און וואָרנט מיך
בייז,
אַז ווערטער,
ניט כשרע ווערטער
אין מיר,
האָבן מיך
דאָרט אָט אַזוי
שוין ניט איינמאָל
פאַרמַסרט.

# ביי אַ בלייכער וואַנט

מ׳האָט געכאַפּט דעם מערדער אינעם שטעטל.
שרייט, ביי דעם מת, דאָס בלוט אַרויס פון טיפן שטאָך־
און דער רוצח, מיט צוויי לאַנגע, איבעריקע הענט,
זעט אויס ווי יעדער ערל פון אַ קיילעכדיקער וואָך.

עס לויפן אין זיין קאָפּ אַרום די קאָסאָקע אויגן
און סלינע טוט אַ רין אַרויס אים פונעם מויל —
פון זיינע שווערע שטיוול און פאַרבלוטיקט העמד
כאַפּט יעדן איינעם, ביי דעם גאָרגל אָן אַ גרויל.

בלייבט אָנגעכמורעט אַרום אים אַ כמאַרע יידן:
— חלילה, מ׳טאָר ניט לאָזן ער זאָל טאָן אונדז אַן אַנטלויף.
הערן זיי אים מורמלען שטיל צו זיך אַליין: ראַטויטע!
איז וואָס זשע ענטפערט מען, אַ שטייגער, אים דערויף?

— ראַזבויניק טי, דו מערדער איינער, ביילן זיך ביי זיי די פויסטן
און יעדער מאַנצביל האַלט זיך עפּעס אין איין גרייטן.
נאָר עס גייט אַוועק אַ שעה, עס גייען אַוועק צוויי
און עס הייבט זיך ניט קיין האַנט אויף אים צו טייטן.

ביז פּלוצעם לויפט אַדורך אַ קרענקלעכע חרטה:
—לא תרצח.ווער וועט עס גיין מיט אים זיך גלייכן?
דער מת איז סיי ווי סיי שוין, נעבעך, נאָר אַ מת —
מ׳וועט אים לעבעדיק צוריק דורכדעם ניט מאַכן.

האָט עס דער מערדער גלייך דערשנאַפּט מיט שאַרפן חוש.
דער ־עס האָט זיך ביי זיי, ווער ווייסט פאַרוואָס,אַביסעלע געביטן.
האָט ער אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע ווייסלעכער, אַ שרעק
און ווי אַ חיה רעה אַ שפּרונג געטאָן צו יעדן אין דערמיטן.

— וואָס ווילט איר פון מיר, לידי דאָברי, רחמנותדיקע זשידעס?
גאָר קיינמאָל ניט געזען, יעי באָגו, אָט דעם מת —
גייט פרעגט דעם גלח, אין דער צערקווע זיך געמאָליעט.
לאָזט מיך זיך צלמען: כריסטאָס וואָסקרעס!

איז אַ פּאַניקע אַריין צווישן עולם, געוואָרן ממש אַ בהלה:
— איר האָט געהערט? ער האָט דערמאָנט דאָך גאָר דאָס יויזל,
אותו איש... וואָס זאָגט איר וואָס? קאַרג רוצחים
וואַרטן דאָרט אויף אונדז ביי יענעם הייזל?

אפשר וואָלט געווען אַ סברא מ׳זאָל אים לאָזן גאָר אַנטלויפן?
אַ לויב צו גאָט! ער איז דאָך טאַקע שוין אַנטלאָפן.
זאָל ער ברעכן האַלדז און נאַקן
זאָל אים גאָט אַליין דאָרט שטראָפן.

האָט דער מערדער אָפּגעשטעלט זיך ביי דער יאַטקעגאַס ניט ווייט,
אַ בליאַסק געטאָן דאָס מעסער אין זיין האַנט —
אַן עדה יידן איז געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז
מסוכן בלייבע, ביי אַ בלייבער וואַנט.

# אין די בלוטן

אין די בלוטן
ברענען אַלץ נאָך
קאַלכאויוונס —
דראַפּעט זיך אַרויף אַ רויך,
ער קען דעם הימל
ניט דערגרייכן —
הימלען זענען
ווי עס זענען הימלען
אַ בית־עלמין הויך.

פּאַר די פּיס,
אין מיטן דרינען,
עפנט אויף ווער קברים גריבער,
וואַלגערט זיך אַרום
אַן אָפן אויג —
אפשר איז עס בלויז אַ חלום
און דאָס אויג
איז גאָר מיין איינציק אויג.

אין די הענט מיינע, די רויטע
טראָג איך שווער
אַ שוואַרצע מיטה,
ווער־זשע ליגט
אָט דאָרטן
טויט?
זאָל עס זיין אַז איך אַליין שווין
אויף אַ יענער זייט פון פּלויט?

אויף צו להכעיס
מיינע אברים
הייבט דעם קאָפּ

דער הויכער פלויט,
טוט אַ קוק אויף מיר
מיט ביטול
און אַ וואָרטשע
ווי עס קען אַ פלויט:
— ווער פון אונדז
ווייסט מער אַצינדערט
וואָס עס איז
באמת
טויט?

# אַ חידוש

איך רעד צו מיר פשוט, גאָר פשוט
און הייב זיך ניט אָן
צו פאַרשטיין —
ווי קען מען נאָך אַלע אַנטלויפן
צוריק צו ד׳י ווערטער
דערגיין?

איך רעד צו מיר תרפ״ט לשונות
און טייטש זיי מיר אויס
האַלב אויף יידיש —
כאָטש טרעפן זיך
קען גריילער טרעפן
אַז אַ חידוש
שלינגט איין גיך
זיין חידוש.

איך רעד צו מיר
פשוט,
גאָר פשוט
און ס׳האַלט יעדער אבר
אין רעדן,

ווייל די קלאָרסטע מחשבה
אַפילו
פאַרשטייען די ווערטער
פאַרשיידן.

דעם נאַקעטסטן רעיון
קען אפשר
דאָס לשון גאָר קונציק
אויסקליידן —
נאָר פינצטער עס ווערט
אין ד׳י אויגן
צו זען וואָס עס ווערט
פון זייביידן.

# אַזויפיל אויגן

אַזויפיל אויגן פעלן אויס
מיר
אין די פענצטער
פון מיין שטעטעלע,
מיין סעקוראַן.

אַן אָנגעלאָדענע מיט חשכות
קריכט אַריין
און האַלט אַלץ
אין איין קריכן אויף פאַרקערט
די לעצטע
סקריפענדיקע־באַן;

ווען וועט זי ערגעצוווּ
אַזוי
סוף־סוף
אַמאָל דערקריכן?

דער הימל לויפט איר נאָך
און פאַלט אַראָפּ
אין שטיקער
לעבערדיקע — מויערן.

אָט דאָ
האָט דער גן־עדן
ווידער בייז פאַרמאַכט
די אַלטע
שיינענדיקע־טויערן.
אַ שטערנשלאַנג
דרייט זיך

אין פוסטן חלל
ווילד אַרום
און שלעפּט די אייגענע
כאַליאַסטרע
אין פרעמדע עולמות
אַריינגעריסן.

עס שטוינט די נאַכט
מיט קאָפּווייטיק
אין קליינעם שטעטעלע,
אַן אָרעם־ברעקל
שטעטעלע,
מיין סעקוראַן.

ווו אין דער גאָרער
וועלט
איז נאָך אַזאַ מין
נאָגענדיקער,
האַלב פאַרשעמטער גאָט
ווי דאָרט
פאַראַן?

# לאל עורך דין

**שושנהן מיט ליבשאַפט**

דורך מיינע פאַרעלטערטע אויגן,
ווי דורך אַ קאַרצער שייבל,
דרינגט שפּאָרעוודיק צו מיר אַריין
אַ מאָגער ליכט.
די וועלט לעבט קוים
אין אָט דעם ליכט
מיט קרענקלעכע קאָלירן —
נאָר אומגעריכט
שטרעקט אויס זיך
אין אַ ניט געאַנטער טיף
אַ שוואַרצער־ים
אַרום אַ שוואַרצער שיף.

פאַרהילט זיך
אין אַ הייסער תפילה
דער פאַרשלאָפענער זכרון.

ווי פון אַ קרבן, שטייגט אַרויף
אַ בלוטיק־רויטער רויך
און מאָלט אויס אותיות
אין סאַמע בלייכסטע הייכן
מיט אַ פייערדיקן־כּוח:
— וואָס האָט עס, האָט עס
פאַר אַ זין
ביי דיר,
אל עורך דין?

גראָבן אין די אויערן זיך אַריין
אוראַלטע קלאַנגען
און שווימען ווילד באַנומענע
געשרייען
אין פּוסטער ווייט
אַרום.

דאָרט שלאָגן זיך
אויף יערלעכע־ירידים
גויים, אַלטע גויעס
און שאַרפן אָן קאַצאַפּעס
קרומע מעסערס.

הירזשען ביסטרע פערד
און שיכּור וויינט
די בלוטיק אויסגעשמירטע
ערד.

אַ קול אַן איידלס
ראַטעוועט זיך
ווירעמערט און וואָרעמערט
אַרויס
און טרענקט זיך
אין אַ צווייטן־קול,
עס וויל ניט שטאַרבן
און בעט זיך תּפילהדיק
און דינער נאָך פון דין:
— וואָס ווילסטו, ווילסטו
ווילסטו פון מיר האָבן,
גאָטעניו,
אל עורך דין?

**זעצט די נאַכט זיך**

פרומערדהייט
צו מיר גאָר פּלוצעם צו —
טונקלט אין איר פליגל
אַ הימלדיקע
עולם־הַבָּא רו.

איך הער פון דאָרט אַרויס
אַ ווייטיקדיקן קלאַנג,
ווי קומען וואָלט עס
מיטאַמאָל געקומען
פון מיין מוטערס
אַן אַלט מאָדישן־געזאַנג,
צי אפשר גאָר
האָט דאָס מיין פרוי
מיך בענקענדיק גערופן
מיט אַ זילבערדיקן ברום
און ס׳האָט אַ חלום זיך
מיט כּישוף נעצן
מיטגעצויגן
אין צעהוידלטן אַרום.

ביז ערגעצוו זיך האָבן
בלוילעכע קאַיאָרן
צונויפגעלאָפן
אויף צוריק
און זיך גענומען בעטן,
מאָנען
זוכן קינדעריש
ביי דיר אַ זין.

וואָס ווילסטו, ווילסטו
פון אונדז האָבן
נאָך אַצינד,
אין הימלען אייביקע
אל עורך דין?

# די אויגן האָבן שוין גענוג

איך נעם אַרום זיך מיט דער נאַכט.
וואָס טוט מען מיט די טעג?
די ווייטן זענען ווייט —
בלייך דער מילכוועג.

פון אייגן חומשל עס מורמלען אותיות צו מיר:
—ויאמר...און ער האָט געזאָגט צו מרדכין,לאמר...
די אויגן האָבן שוין גענוג געקוקט.
עס וויאַנען געל דיביימער.

# דער וואָגן

ווער קען אַרויסשלעפּן שוין אויף דער פּלאַך
מיין טיף פאַרזונקענעם היימוואָגן,
וואָס חלום קערעוועטביים זוים פון וואַך,
וווּ ס׳הייבן אָן זיך די פאַרטאָגן.

בייטן אויס זיך דאָרט די קעפּ
דער שמייסער און די פּאַסאַזשירן,
נאָר ניט אָט דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ
אין שטעטל מיך צוריקצופירן.

איך לויף אים נאָך אַ מהלך ווייט
און לויף אַריין אין מיין משפחה —
און כאָטש ס׳איז זומער, סאַראַ צייט,
ברעכט אויס אַ זלידנע זאַווערוכע.

איך ווער פּיטש־נאַס, צערינען זיך
מיט מיר אינאיינעם קינד און קייט —
און וואָס געווען איז, דוכט זיך, פרי
עס דרייט זיך אויס און ווערט צו שפּעט.

אַן אויסגעפּאָרענער הענגט־נאָך דער וועג
דער חלום טראָגט אים אויפן וואָגן —
און אויב עס שלאָפן פויל די טעג
סקריפּן שלאָפלאָז די פאַרטאָגן



# עלעגיע

ווי קען מען איין אַליין פֿאַרבלייבן
אין דעם קרייז
פֿון אַלטע טעג —
זיי רייסן איינס פֿון צווייטן
רויִע שטיקער.

איך לערן זיך דערשראָקן
ביי מיין אַלטן קאָפּ
גאָר ניט צו טראַכטן מער —
מחשבות זענען
ביטרע אונטערדריקער.

איך קוק דעם הולך אָן
פֿון האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם
קאַיאָר
און טרעף ניט
וואָס איך זע אין אים
אַצינד.

פֿון וואַנען וואַקסן
אויף זיין רוקן
כּמאַרעס אויס
און וואוּהין פֿאַרשלעפּט זיי
סאָפּענדיק
דער בלינדער ווינט?

טראָגט די לופֿט ניט
קיין אחריות
פֿאַרן פֿראָסט?
ווייסט דער שטורעם
כאָטש אַמאָל
למאַי ער בלאָזט?

קיין ענטפער ענטפערט ניט
און סאַראַ פּנים
האָט דאָס פרעגן?

וואָס איז די זון
דען שולדיק מיר
אַז גליטשיק זענען
תמיד מיינע וועגן?

# אין די בליקן

אין די בליקן מיינע ווינקען זיך נאך איבער
ברוינהויטיקע פּאַגאַנען
מיט רויט באַמאָלענע מאַטראָנעס
געהוידלט אויף דיוואַנען.

רייסט מיך מיט זייער פּרעך געלעכטער
ביזן באַרג אַראָפּ פון סדום —
עמעצער מיך שליידערט דאָרטן
צו דעם מולך פונעם תהום,

אַ שאַרלעך גרעלער טאַטואירטער
ברענגט מיך הודו מיט קיין כּוש —
כאָטש איך פּאָלג נאָך מיין לוויה
היינטיק ביזן קאַפּעליוש.

# אַ בוים אין פעלד

אַ שטומער בוים אין פעלד
קען ווער זיין תפילה
דען
אַפילו?
אַ שטומער בוים אין פעלד.

טאָ ווער דערציילט
אַז וואַקסן טוען אָפּט
לבנות אויס,
אין ווייסע נעכט,
העט אויבן
אויף זיין קרוין
און שטערן וויגן זיך
פאַרליבטע
דאָרט
אַראָפּגעפאַלענע
פון געטלעכן
געצעלט?

און ער אַליין
וואָס האָט אין הימל
אונדז פאַרפעלט,
קוועלט
און גרינט פון בוים
אַרויס,
גרויס
ווי ער וואָלט
אין אָט דער וועלט
אַליין
זיך קיינמאָל
ניט געקענט
דערזען.

# נבואות

אַדורכגענומען האָבן מיך
תרפ״ט נבואות
און געבליבן בין איך
אָן
אַ נבואה —
וואָס־זשע העלפן מיר דען
ווערטער
אין לשונות
טונקל־בלאָע?

איך קוק אַריבער
מיינע אויגן
ווייל איך גלייב ניט מער
זייער בליק.

פאַרבן האָבן זיך אָט דאָרט
פאַרפּלאָנטערט
און מ׳פאַרבט
אַהין און צוריק.

אפשר לאָזן מיינע אויערן
אַז זיי זאָלן כאָטש דערגיין
וואָס עס האָט
אין מיטן־דרינען
ווילד געמאַכט
דעם אַלטן ווינט?

ווינט אין מיר אַזוי
דער נביא
צי עס ווינט אַ ממזר־קינד?

זענען אַלע פּוסטע פעלדער
גאָר ניט שולדיק
מיין אַצינד?

זיץ איך אויף דער ערד
פֿאַריתומט
און ס׳איז פרעמד מיר
פרעמד מיין העמד
און אַ מלאך
זיצט פֿאַריתומט
און שווין לאַנג
ניט צוגעקעמט.

זשיפּען ווערטער טונקל־בלאָע
אין דעם אַש
אויף האַלב
פֿאַרלאָשן

אויך דער מלאך
קען מסתמא
נישט פֿאַרשטיין
זייער מענטשלעך לשון
און איך קען
אויך ניט באַנעמען
וואָס מ׳וויל מיר איצטערט
זאָגן.
איז די חשכות
דען
אַ סימן
אַז עס הויבט
גאָר אָן
צו טאָגן?

שפּיל איך מיך
מיט ווערטער בלאָע
און זיי שטאַרבן
אָן נבואות —
וועמען קען איך
איצטער זאָגן
אַז אַ טעות
איז ניט
קיין טעות.

# אין מיין ליד

אין מיין ליד פֿאַרבלייבט אַמאָל
דער אָדלער
גאָר אָן פֿליגל —
רינט דאָס וואַסער אויס
פֿון ימען
און דער חלום ניט צו הענגען
זוכט מיט וואָס זיך
צו פֿאַרסמען.

נאָך איך פּרוּוו מיין ליד
אָנלאָדן
מיט דעם מלך אביונס
גיטער
און אַרויסלאָזן, ווי טויבן,
ווייסע ווערטער
אין געוויטער.

זאָלן זיי, די ווערטער,
שלעפּן
מיינע יידישע געצעלטן
און אין ווינטן זיי צעהוידלען
איבער חרובדיקע
וועלטן.

ווו־זשע נעמט מען
פֿאַר אַן אָדלער
נייע פֿליגלען,
אין אַ ליד?

סאַראַ אוצרות זאָל איך
גרייכן
אין ביינאַכטיקן געמיט?

# אַ ריר פון סמיטשיק

חַצות שפילט מיט אויף האַרבסטיקע פידלען.
ברענגט דער ווינט אַלע ווינטן צו טראָגן.
גיי־זשע ווייס אַז אַ ריר פון אַ סמיטשיק
מאַכט מיר ליכטיק אַ ים מיט פאַרטאָגן.

חושך שפילט זיך מיט מיינע קאַפריזן
און עס שאָקלט מיך, שאָקלט די ווייט.
גיי־זשע ווייס אַז מ׳קען אַזוי לעבן
אויך אָן געטלעכן־רוף דורך דער צייט.

פלוצעם הערט מיטאַמאָל אויף דאָס שפילן
און עס טראָגט זיך אַרום נאָר איין קול
רייסט זיך דורך, ווי אַ בליץ, דורך אַמאָלן.
ווו־זשע בין איך? אין וועלכן אַמאָל?

הייבט די חַשכות אָן ווידער צו שפילן.
ברענגט אַ ווינט קליינע ווינטלעך צו טראָגן,
ביז איך טרעף, אַז אין ריר פונעם סמיטשיק
קען איך זינקען אין אַלע פאַרטאָגן.

# וואָס איז אַוועק?

ווידער האָבן ישמעאלים
אויסגענאַרט היינט
יוספס חלום
און די ברידער,
אַלץ נאָך ברידער
טראָגן זעק
מיט פאַלשן שלום.

און אַוועק אין יענע וועלטן
זענען פנימער,
פאַרשוואונדן.

פרעה ליגט בלויז
אין די ביינער
לעקט אַרום אַלץ
אַלטע וואונדן.

שלאָפט דער מיזרח
מיט חרטומים,
שלאָפט אַ כּישוף
אין קאָלירן.

קעמלען האָבן
אימת־מוות
זייערע שאָטנס
אָנצורירן.

רוקט אַוועק זיך
פון אונדז כּנען,
יעקב דרייט זיך
ווי אַ פרעמדער.

קיינער האַנדלט ניט
מיט וואונדער
און געשטרייפטע
פּיסטרע־העמדער.

און אין הימל
ביי אַ חומש
דרימלט לאַנג
אַ מיטן־מעשה

און זי קען זיך
נ׳יט דערמאָנען
צי אַ ציגעלע
אַ ווייסע
איז אָט דאָרט
אַרומגעשפּרונגען
און צי טאַנצט זי
אויך אַרום דאָ
אין דעם שטומפּיקן
זיכּרון.

ווו איז ווו איצט
אַלץ פֿאַרלוירן?
וואָס איז וואָס
פֿון אַלץ געוואָרן?

ווען אַוועק איז טאַקע
יוסף?
און די ברידער
ווו אַנטרונען?

קען מען זיך
ביי גאָט דערפרעגן?
קען מען עפּעס
ביי אים מאָנען?

טעג פֿאַרלירן גיך
זייער פּנים —
ליכט צעפּיצלט זיך
אויף שטיקער.

בעסער אויפהערן
צו טראַכטן —
טראַכטן איז היינט ניט
קיין עיקר.

מעסט מען לאַנג אויס
די אַמאָלן,
קוקט אַריין
אין די אַצינדן,

פּרוווט־מען אויך
דעם ווינט פֿאַרהאַלטן?
פּרוווט מען גאָר
די כמאַרעס בינדן?

— זוך איך וואָס?
ווער הערט עס פֿרעגן?
זון טוט גלייך
אַ פֿליוך מיט רעגן.

אין דעם רעגן
שווימען דורות —
קאָפּ אויף קאָפּ
מיט בערג־עבֿירות.

די עבֿירות
שטעכן, ברענען,
קענסט דיין פּנים
ניט דערקענען.

וואָס זשע לויפֿט מען
נאָך די דורות —
ווער וויל ווען, ווו
באַוועגן?

גייט מען זיך אַליין
אַקעגן?
אָדער שטייט מען
בלויז צו פרעגן?

ווער זשע שטייט עס
ווען ער גייט?
דרייט די ערד זיך
ווען זי דרייט?

שטאַרבט אין דרייען
אָפּ די פרייד?
אַז ס'איז שוין שפּעט
איז טאַקע שפּעט?

# אויב דו ווילסט וויסן

אויב דו ווילסט וויסן עפּעס
וועגן סעקס
און שעמסט זיך נאָך אַצינד
צו פרעגן —
וואָס קענסטו וויסן?

אַ חלום וואַלגערט זיך
אין הייסן בלוט אַרום
און ווערט פון ווילדע גלוסטונגען
צעביסן.

וואָס קענסטו וויסן
וועגן סעקס?
צוויי גופים שרייען איינס צום צווייטן
און אויב זיי ווערן ביידע
איינס
עס ווערן שווערער זייערע
קייטן.

וואָס דאַרפסטו וויסן וועגן סעקס?
פון צוויי ווערט דריי —
פון פיר ווערט זעקס.

וואָס וואַקסט אַריין —
וואַקסט עס אַרויס?
ווער קען עס וויסן
פון פאָרויס?

# מאחורי הפרגוד

מ׳עפנט קוים אויף אַ שפּאַרונע
און לאָזן לאָזט מען אונדז
אַריין באַלד
דורך אַ הינטערטיר.

אַן אויג איז בודק
יעדן איינעם
פון אַ פאַרשטעלטן
פירהענגל
אַפיר.

אַ גלאָק טוט זיך,
אין ווייטן, וואַקלען
און טשעפּעט אָפּ זיך
פון זיין אייגן קלינגען.

מלאכים זוכן די נשמות אויס
און האַלטן מיט זיי
אין איין זינגען.

נאָר פאַרן "כסא"
קען מען, דאַכט זיך
ניט געפינען גאָר
קיין אָרט
אַ ווו אַוועקצושטעלן,
ווייל דער מרכבה
טוען פלוצעם
אַלע חיות ניט געפעלן.

בלויז נאָר צו דעם שאול־תחתיות
נעמען טרעפּ
מיט אונדז
אין ווילדער יאָגעניש
אַרונטערפֿאַלן.

קיין לשון קען עס ניט
מיט מענטשן ווערטער
שוין קיינמאָל מער
פֿאַר אונדז
ניט מאָלן.

# עפר ואפר

פון וואַנען גרייכסטו היינט
צו מיר
טשיקאַווע צפון ווינט
וואָס האָסט אַמאָל
אברהמס באָרד
גאָר חוצפּהדיק געריסן,
ווען פעדערן געפעדערט
האָט ער זיך
אַ טייך אַריבערשפּאַנען
און טרעפן דאָרט
די זין און טעכטער
פון אמורי
און אייניקלעך
פון כיטרע כנענען.

און איינגעגנעסטלט טיף אַזוי
האָט זיך אין מיר
אָט יענע ברוינע
קופּערשלאַנג
וואָס האָט געבראָטן
און געשטאָכן לאַנג
די זאַמד באַדעקטע
פּיאַטעס
פון יונגן מדבר־דור
וואָס איז אין כּעס
אַוועק העט ווייט
פון זיינע איינגעשפּאַרטע
אָבות
און ניט געפונען מער
צוריק
קיין סימן פון אַ וועג —
געבליבן איז אַ רעשט
פון יענעם וויסטן סם

אין מיר
אויף אַלע מיינע
חולה־נופלדיקע
גלותדיקע
טעג.

בלאָזט ערגעצווו
נאָך היינט
אויך דו אין מיר,
מלחמה שופר
פון כּוהנים
און צאָרנסט לאַנג
אין מיינע בלוטן,
ביז אַלע ווענט אַמאָליקע
פון אַ צעקרישלטן יריחו
ווערן מיטאַמאָל געגנוי
אויף מיינע ווענט
אַצינד געראָטן.

און גבעונס־זון
נעמט ברענען העליש
אויף דער הויט
און הענט
און דאָס וואָס איז
פון מיר
שוין לאַנג אַנטלאָפן,
לויפט מיטאַמאָל צוריק
און ווערט מיט מיר
אויף גרויען אַש
פאַרברענט.

בלויז אין אַ קווענקלעניש
פון אַ פאַרדומעטן חצות
ווערט אַזוי פרעמד
מיר
מיטאַמאָל

מיין מאָדנע פּרצוף — פּנים
אינאײנעם
מיטן האַלב צעריסענעם
און אײנגעשרומפּטן
קינדער־העמד,

דאָס העמד
וואָס טוט פֿאַרדעקן
מײנע טויזנט לעבער,
ווען קריכן נעם איך קריכן
ערגעצוווּ אַראָפּ —
כאָטש הייסן הייסט עס גאָר
אַז איך הייב אויף מיך
ביז מסוכן הויך
און ווער דאָרט
מענלעכער און העכער.

און ווערן ווערט
פֿאַרדעכטיקט מיר
דער ווינט,
די שלאַנג
און מוקצה־מיאוס
דאָס קול דאָס בהמישע
פֿון ביינערדיקן שופֿר —
ווייל בלאָזן בלאָזט עס
סתם אַזוי
אויף גוימס־ערד
און וואַרטן וואַרט אויף מיר
אָט דאָרט
אַ ווערעמל אַ קליינס,
וואָס היט אין זיך
פֿאַר מיר
און מיין געביין
דעם עלטסטן סוד פֿון וועלט,
דעם סוד
פֿון סאַמע פּשוטן
עָפָר וָאֵפֶר.

# קריעת ים — סוף

שפּרינגען שקלאַפן ווילדע
אין דעם ים — סוף
טיף אַרונטער
און קומען
פֿאָלנע יידן
פון די אָפּגרונטן
אַרויף.

עמוד־האש שפּאַרט
פון זייער אויג אַרויס
און שפּאַרט.

משה שטייט.
זיין שטעקן איז נאָך לענגער
מיטאַמאָל געוואָרן.
ער קוקט
און וואַרט.

אין הימל האָט אַ פרישער
גאָט
אַליין זיך אויסגעמאָלט
און שרָפים האָבן
ערשט באַוויזן
זייערע פליגל
מיט אַ נייעם פייער
אָנצוצינדן.

פליען זיי אַרום
און ציטערן
און שטוינען:
— ווער וועט די מיצרים
באַטש אַצינד
באַווינען?

עס ציט דער מידבר
איבער זיך
אַ צווייטן מידבר
אויס
און מיט די ברענענדיקע
זאַמדן
פאַרדעקט ער ערגעץ ווייט
די רויטע לאַנדשאַפטן
פון צוגעזאָגטן
כנען —
און וואַקסט אַ טאָג אַריבער
די מילי־מיליאַסן
זונען
אין סאַמע תהום,
וואָס רופט זיך
אייביקייט,
אַריין.

# מיין מאַמעס גראָשן.

**געווידמעט דבורה**
**און ד״ר הערש**
**ראָזענפעלדן**

אויף אַ חלום פרעגט מען ניט קיין קשיות —
עס העלפט דאָס פרעגן?
ווען איך טרעף דאָרט.
אָן מיין חלום —
שלינגען איין אים לויפנדיקע וועגן,
ער לאָזט מיך שטיין
מיט אַ ירגזון —
לוינט זיך נאָכצולויפן?
אין מיין האַנט
פאַרוואָלגערט זיך
אַ גראָשן —
וואָס זאָל איך מיט אים
קויפן?

זעץ איך מיך דערווייל אַנידער
ביי דעם אויסבייג פונעם שליאַך —
ווינטערט נאָך אויף אים
דער ווינטער
ווי אויף אונדזער אַלטן דאַך.

שטעלט זיך אָפּ די צייט, טוט פרעגן:
— בין איך נאַכט, צי אינדערפרי?
קנייטש אַ ספק לאַנג דעם שטערן:
— ס׳אַ חילוק ווו דו ביסט — און ווי׳

כאַפּט אַרום מיין האַרץ אַ ציטער.
כ׳וויל פון זיך אַליין אַנטלויפן —
שריי איך זיך נאָך:

— וואַרט אַ ווײַלע,
איך דאַרף די גאַנצע וועלט
נאָך קויפן.

---

קוקט די מאַמע אַ פאַרשעמטע
פון אַ ווינקעלע צו מיר —
סאַראַ ווײַסקייט טוט באַרירן
אירע ווייכע מוטער הענט.

האַלט זי אָן בנס די סטעליע
און די אויסגעקרומטע ווענט.
(וואָס עס האָט אין מיר פאַרקרומט זיך
האָב איך שפּעטער ערשט דערקענט.)

— מאַמע, גיב מיר מאַמעניו אַ גראָשן,
איך דאַרף קויפן.. האָסט מסתמא שוין געהערט.
— דאַרפסט אַ גראָשן? נעם, מיין קדיש,מיין נשמה,
זי איז אויך אַ גראָשן ווערט.

---

דער חלום האָט זיך אַקוראַט דאָ אָפּגעשטעלט.
די שטערן מיט אַמאָל זיך אויסגעלאָשן.
ווו האָב איך, איצטער מיר ניט דיר ניט,
צופּטרט אָט דעם גראָשן?

# שטייט אַ בוים

שטייט אַ בוים אויפֿן וועג,
נעבעך אויך מיר אַ בוים
און גאָט
האַלט זיין שטאַם
אין פֿאַרברענען.

פֿון גן־עדן אַרויס
איז אַמאָל
אָט דער בוים —
קען זיין שטאַם שוין
גאָר מער ניט דערקענען.

שטייט דער בוים
אויפֿן וועג
און אַ ייִד לעבן אים
געדאַווענט, אויף גיך,
האָט
פֿון פֿאָרנט.

ביז אַוועק איז
דער ייִד
צו דעם מזרח
אַוועק
און געבליבן
דער בוים
איז פֿאַרצאָרנט.

און עס בענקט שטיל אַ ליד
צו דעם בוים

אויפֿן וועג
וואָס קען ניט
די בלעטער דערקענען.

און ווערט כביכול
אין כּעס
אויפֿן בוים,
וואָס האָט ניט
קיין צווייגן
און האָט ניט קיין שטאַם
און לאָזט
אַ בליץ
אים פֿאַרברענען.

# הללו — יָה

אויף אַ צווייפּנימדיקן קלויסטער
הענגט אַ באַגילדעטער צלם.
אַ קראָ פליט אַרום
לאַנג
אַרום זיך.

ביי שטאָלענע טויערן
ליגט דאָרטן פאַרחלשט
אַ נזיר, אַן אַלטער,
מיט אַ באַרעמלטן — פליך.

גייען באַלויכטענע לייכטער
אַוועק ערגעץ ווייט
אַזש קען זיין
קיין בית־לחם,
פאַרנייגן זיך גוייש
און שמייכלען
מיט אַ פאַרקריסטלעכער
ברכה:
— שלום אייך,
שלום עליכם.

פאַלט בלייך אַן אָפּשיין
אויף ערגעץ אַ פנים
וואָס קוקט אויס
פאַרבלוטיקט —
צי איז ניט דאָס בלוט דאָרט
פון לאַנג שוין פאַרפרוירן?

די קראָ
פליט אַרום גיך
אַרום זיך.

מורמלט דער אַלטיטשקער
נזיר
אַן אַלטע פֿאַרלענגערטע
תפילה
און טוט מיד
אַ קראַץ ווילד
זיין פֿליך.

ביז אין ווייטן
מאָלט אויס זיך
אַ צווייטער
בית־לחם
און לויפֿן צונויף זיך
אָט דאָרטן
פֿאַרלוירענע יידישע וועגן.

אָפּשיינען שטייגן אַרויף
פֿון דערשטיקטע מאַרטירער
וואָס מ׳האָט ניט געקענט
נאָך
די קעפּ זיי איינבייגן.

הוידלט זיך, הוידלט
אַ קול אין דעם קלויסטער
און לאָזט ערגעץ פּלוצעם
אַרויס
אַ דערשראָקענעם
וויע:
גאָט,
וויפֿל דורות אַזוי
בלאָנדזשעט אָט דאָרטן
אומזיסט
דיין אַמאָליקער נאָך
און אַלט־יידישער לויב:
— הַללו־יָה.

# ליל שמורים

סאַראַ נאַכט.
די הימלען לאָזן זיך אַראָפּ
ווייט איבער דורותדיקע
תהומען
און פאַלן שעמעוודיק
אין האַלב צעשפּאַלטענער
האַלב וואַסערדיקער
ערד
אַריין.

האָסטו געהערט?
די פליגל דיינע
האָבן דיך
מיט אַ גערודער
ווייט איבער זיך אַליין
סכּנותדיק
געהויבן.

הייבסט אָן, נאָך אַלטן
ציטער,
מיט נייעם פּחדימדיקן מוט
אַריינכאַפּן זיך
אין עפּעס־וואָס
וואָס מוטשעט דיך
און רעדט דיר איין
גאָר בלינד
צו גלייבן.

און עולמות, וואָס ערגעץ
ווען און ווי
עס האָט אַמאָל
דער בורא,

פאַר אַלע בראשיתן,
אויף גיך באַשאַפן
און מיטאַמאָל דערנאָך,
ווער ווייסט פאַרוואָס,
אויף דינעם שטויב
צעשטויסן און צעריבן —
טראָגסטו,
אַן אומבאַהאָלפענער
אַרום היינט דאָ
אין זיך
און ווייסט ניט
ווי אַזוי
זיי זענען
אין דיין דמיון,
פון קינדווייז אָן,
האַלב איינגענורעטע
געבליבן.

איז וואָס־זשע זענען
יענע חורבות,
אין דעם ליל שימורים איצט
אין דיר
נאָך עפּעס אויסן?

יידן גייען מיט זיי
אין דיין דמיון
האַלב צעטראָגענע אַרום.
זיי זענען לאַנג שוין
אַלע יַמען
אָט אַזוי אַריבער.
נאָר שפּאַנען שפּאַנט מען
פון אַ צוריק פאָרויס
ביז איבער מוראדיקע
גריבער.

דער ליל שמורים
פּנימט ערגעצוווּ
פון אייביקייט אַרויס —
כאָטש שוואַרץ איז שוואַרץ
זיין פּנים
און ציען ציט ער
איבער זיך
אַ שלַל מיט נעכט אַריבער.

מצרים איז העט ווייט —
נאָר אפשר טאָמער
ניט.

מלאכים האַלטן
אין זייער שירה
גאָר אין סאַמע מיט.

רקיעים טוען
ווי רקיעים קענען
צווישן זיך אַריבערשיקן
אַ שפּאָגל נייעם
ציטער
און פייער פלאַטערט
און צעפלאַטערט זיך
מיט אימהדיקן פּנים
און רייסט אַריין זיך
אין אַ געטלעכן
געוויטער.

# וואָס האָסטו פונעם שבת?

וואָס האָסטו פונעם שבת
מיין וואָכעדיקער
זמר?

דו רייכערסט טיף אין האַרצן
ווי האַלב־פאַרברענטע
ביימער.

איך טרעף דיך,
אין בהלה,
אויף הפקרדיקע וועגן.

דו קענסט היינט
צו די שטערן
זיך מער שוין ניט דערפרעגן.

וואָס האָסטו פונעם שבת
מיין הייזעריקער
זמר?

צי לעבסטו אין דעם זכות
בלויז
פון באָוולדיקע קרעמער?

פארקויפסטו אויף געמאַרקן
דיין חלק
פון דעם שבת?

צי גיסטו אַדרויפן
אויף פרעמדע
עולם־הבאס?

וואָס האָסטו צו מיין לעבן
האַלב וואָכעדיקער
זמר?

פאַרברענט זענען די קרוינען,
די וואָרצלען
פון דיביימער.

דו הייבסט אָן
מיט ויאמר
און ענטפערסט מיט אַ לאמר:

אַ זמר איז געראָטן
אויף דעם
וואָס זינגט דעם זמר.

# קומט צוריק

קומט צוריק צו מיר אַהיים
לאַנג אָפּגעגנאַרטע טעג
און לאַכט אַריין
אין פּנים פונעם טרויער.

איך האָב פאַר אייך
אַ חלום אָפּגעהיט
און וועל פאַר אייך
נאָך עפענען אַהין אַ טויער.

כאַפּט אַריין דערוויל
די שטראַלן פון דער זון —
טוט אַ ווונק צו מיר
ווען עס ציטערן אין אײַך די שטערן.

אפשר וועט איר מיך
גאָר בראשיתדיק דערזען —
אפשר וועל איך אייך
דורך אַלע ווייטקייטן דערהערן.

קומט צוריק פאַרלוירענע
אין סאַמע אומרו פון דער צייט —
קומט צוריק צו מיר
איר בלאָנדזשענדיקע טעג.

נאָר אפשר נאַר איך זיך
און איר, איר נאַרט אויך מיך
ווייל נאַרן נאַרט אַ יעדן אָפּ
דער אויסגעפּאָרענער און אַלטער וועג.

זינגען, זינגען מער ניט מיט
די שטערן — אַלטע שטערן,
עס העלפט קיין בעטן ניט,
עס העלפט ניט נאַכט צי טאָג —

אויב ס׳איז ניט ווערט דאָס ענטפערן
ווי קען מען סתם זיי הערן —
און וואָס עס הוידלט זיך אַרום
האָט ניט קיין מאָס און ניט קיין וואָג.

# וואָס וואָלט געבליבן?

ווען איך וואָלט אויף דער וועלט
אָט אַזוי גלאַט געגאַנגען
בלויז מיט צוויי קרומע
און באָרוועסע פיס —
וואָס וואָלט, באמת,
דערנאָך מיר געבליבן,
זאָג, וואָס וואָלט געבליבן
פון מיר
און די פיס?

און צו מיין לאַנד
ווען איך וואָלט מיך דערשלאָגן
נאָר מיט די האַרטע,
קאַבצאַנסקע פּאָר הענט —
ווער וואָלט, אַ שטייגער,
אַזוי אויפגעשטעלט דאָרט,
אַזוי אויפגעשטעלט דאָרט
דור דורות מיט ווענט?

ווען כ׳וואָלט מיין וואָרט ניט
אַהין מיטגעטראָגן —
אַן אַלט יידיש וואָרט
אי צעוויינט
אי צעלאַכט —
איז וואָס וואָלט איך יאָ דען
אַהין מיטגעבראַכט?

ווען כ׳וואָלט געקומען
מיט אַ פּוסטן
אַליין
און וואָלט מיך
אין אייגענעם וואָרט
ניט דערזען.

# אפשר שוין צייט

ס׳איז אפשר שוין צייט
זאָלסט דערקענען דיין אומרו —
די טרער וואָס פאַרשטעלט דיר
די זון —
זי פרוווט זיך אַ וועלט
צו דערטרענקען
נאָר ווייסט נאָך ניט
ווי דאָס צו טאָן.

בלייבסט פנים אל פנים
מיט זיך
שטיין.
אַ סטעזשקע צו דיר
שיקט בית־אל.
דער הימל האָט דאָרט
בלויז מלאכים,
כאָטש איינער פעלט אויס
אין געמעל.

דער איינער אַראָפּ איז
העט אונטן,
מיט וואָלקנס
זיין קאָפּ זיך פאַרדעקט,
דיין תאווה
גאָר פחדים צעקלויצעט,
דיין אויג
מיט אַ בענקשאַפט פאַרפלעקט.

פון מלאך איז חוה אַנטלאָפן
און וואַקסט ווי אַ שלאַנג
איצט אַרויס.

דו האָסט דאָך פּאַר חוהן
נאָך מורא,
כאָטש זיצן זי קומט
אויף דיין שויס.

און ביידע פאַרזינקט איר
אין תהומען
און גראָבט זיך פון דאָרט
ניט אַרויס.

די טעג און די נעכט
זענען קורצע
די בענקשאַפט ווי בענקשאַפט
גאָר גרויס.

# אַ נייער מענטש

איך רייס אַרויס זיך פון מיין שלאָף
און נעם מיך טרייסטן
מיט פאַרשעמטע
לידער.

זיי וועקן פרעמדע ווידער־קולות
אין מיר אויף
און רייצן זיך
מיט מיינע איינגעקרומטע גלידער.

צעחושטע מענטשן־שאָטנס
בייטן זייער אויסזען אויס
אין מיטן פון מיין קאָפּ
און פּלאָנטערן אַרום זיך
אין אַ ים פון מאָדנע ווערטער —
ביז זיי געפינען
זייערע פנימער צוריק
און קוקן חוצפּהדיק אַרויס
פון טמאדיקע
ערטער.

ציט ערגעץ ווייט מיך
מיטאַמאָל אַוועק
אַן אַלט־פאַרלאָזטער
באַסאַראַבער־סטעפּ
און כ׳לויף ספּאַלאָשעט
אויף אים ווילד אַרום
ווי אַ צעביסן פערד.

ערגעץ וויינט אין מיר אַריין
מיין מוטערס
אַלט רבנישער געוויין
און טראָגט מיר

בלוטיקע מצבות צו
און בית־הקברותן
מיט ווערעמדיקער ערד.

האָב איך אַ קול דערהערט?
גאָט רעדט דאָך,
דאַכט זיך
צו מיר קלאָר
אָט דאָרט —
ער טוט פאַרמעסטן זיך
צו שאַפן אויפדאָסנייַ
פון מיר
אַן אַנדערן בן־אָדם.
ער קוקט מיר
דורך מיין גוף אַ דורך
און ס׳ציטערן די בלוטן
מיינע אין מיר אויף
און שרייען צו אים
מיט אַ פחד־פחדים.

איך וועל אַן אַנדער
בריאה
ווערן באַלד אַצינד,
אַן אַנדער פרצוף פנים —
מיט אַנדער דרך
און משונהדיקע גלוסטן —
עס רופן הימלען אַנדערע
צו מיר אַראָפּ
און ברענען קולות
מיט אַ סוד
אַן אומבאַוווסטן.

איך וואַקס און ווער
אַ פרעמדער
גאָטס יצור

אָן הויט און ביינער —
ווי ס׳וואָלט אַ יעדער טייל
באַזונדערס אויסגעפורעמט זיך
פון הויקערדיקע,
ווילדע שטיינער.

און שטום
איז אַלץ נאָך שטום
מיין ניט פאַרענדיקט ליד
און שרעקן שרעקט
אַ שפּיציק וואָרט
וואָס צינדט זיך אָן
גאָר טיף
ווי ס׳וואָלט אַליין
זיך אָפּגעבריט.

און מיטאַמאָל עס נעמען
פייערן
אַרום מיין קאָפּ.
איך ווייס ניט באמת —
וואָס עס איז
און ערגעצווו פאַרקערט
איך ווייס עס —

איך שטיי אויף נייער ערד
פאַר נייע שוועלן
אפשר גאָר
פאַר נייעם בראשית.

און בעטן בעט אַ קול אין מיר
איצט רחמים
פאַר דער אַלטער וועלט
אין אַ צעווילדעוועטן
טאַנץ פון פייער.

כאָטש ווייט, העט ווייט

איז אַלץ
וואָס איז געווען מיר
אַזוי פיינלעך היימיש
און אַזוי ביטערלעך
און טייער.

עס וויל זיך מיר ניט
פאָרט איצט זיין
אַ נייער פּרצוף פּנים,
מיט פרעמדן גוף
און פרעמדער גלוסט
און אפשר אויך
מיט פרעמדע
שונאים.

עס העלפט קיין שרייען ניט —
ווער קען דען שרייען?
וועט דען מיין כוח מיר
בכלל אויף לאַנג נאָך סטייען?

איך האָב אַ נייע בריאה
אין מיר
בלוטנדיק אַזוי
געזען איצט
ווי זי ווערט באַשאַפן
און בין מיט איר
טיף אין מיין ליד
גאָר ווייט
פון זיך אַליין
מיט בלינדער שרעק
אַ האַלב צעטומעלטער
אַריינגעלאָפן.

## אייביקער

מיין האַר,
וואָס אַלע עולמות
בלויז טוען אָפּשפּיגלען
דיין שאָטנדיקע־שיין
אין מיר,
דו האָסט מיך
אין דער פינצטערניש
פון נאַכט
אַצינד
דערהערט.

רייס מיר אַראָפּ
דאָס פּייגן בלעטל
פון מיין לענד,
איך זאָל דערמיט
ניט פּרוּוון זיך
אומזיסט
פאַרדעקן.

ברען דאָרט אויף מיין הויט
מיר אויס
די גיהנומדיקע פלעקן
און לאָז מיך ברומען
אין מיין הונגער
און מיין נויט.

צינד אָן מיר אין דער מיט
פון קאָפּ
אַן אויג,
רויט
ווי ביים אַמאָליקן
יוּוָנישן־ציקלאָפּ
און טרייב מיך

איך זאָל לויפן
און קיינמאָל, דווקא,
ניט דערלויפן
צו דיין אָן־סופיקער
האַלב־פּוסטער
אונטערוועלט.

טו, וואָס דו ווילסט
מיט מיר,
מיין האַר —
נאָר היט מיך
פון דער בן אדמדיקער
קעלט
און זיין חניפה
און פאַרראַט.

איך בין איצט
סיי ווי
שוין מער געראָטן
צו אַ שימפּאַנזע
צי אָדער גאָר
אַן אַלטן פּסיכאָפּאַט.

און טרייבן האָסטו דאָך
מיך לאַנג, גאָר לאַנג
אַרויסגעטריבן
פון יענעם ניט געשטויגענעם
און ניט געפלויגענעם
אַמאָליקן גן־עדן.

וואָס פאַר אַ חלום
ווילסטו
איך זאָל חלומען
אונדז אָט אַ דאָרט.
ווען ליגן וועל איך ליגן
אַ געבונדענער

העט אויף דעם אָרט
ווו כ׳וועל אין טיפֿן שלאָף
געאָרעמט זיין מיט דיר
און אונדזער אָטעם
און מיין אַלט געביין
וועט אונדז דערמאָנען
דעם איינציקן
און ניט פֿאַרגעסלעכן
אַלט־מענטשלעכן
געוויין.

# אַנטלאָפּן

עס עפנט זיך אַ שפּאַלט
אין די מרומים —
דער אייבערשטער
קוקט שטוינענדיק אַראָפּ,
דורך אַ באַזונדערער שפּאַרונע,
ביז צו דער גרויער ערד
און טרייסט זיך:
ער וועט אַהער
נאָך ניט דערקריכן.
וואָס טוט ער דען,
אַ שטייגער,
העט אָט דאָרטן
אָדם?

געווען איז ער אַנומלט
דאָ ערשט,
אַ שרייַ־מאַלפּע,
אַ גולמדיקער־וועוורעק,
וועט ער די הימלען
שפּאַלטן מיר
אין גיכן?
ווי לאַנג איז דען
אַז ער האָט זיך
געלערנט
קוים אויף אַלע פיר
צו קריכן?

וועט ער פאַרבלאָנדזשענען,
גאָר חוצפּהדיק,
צו זיינע אייגענע
אין סופן?

צוואָס האָב איך
אַזאַ מין
פּרא־אָדמל
בכלל באַשאַפן?

מיר האַלטן זיך דאָך
איינס פון צווייטן
עקשנותדיק
ווייט אָפּצורוקן.

שווער איז פונעם הימל
צו אים
אַהינצוצו
אַראָפּצוקוקן.

אָדם,
דו האָסט דאָך מיך
פון זיך אַליין
אין דמיון דיינעם
ווי אַ גאָט
געטראָפן —

וואָס־זשע ביסטו דאָס,
פון יענעם בראשית אָן
מיט שרעק
פון מיר אַנטלאָפן?

# אַ ברי איבערן רוקן

שוואַרצע שיפֿן
קרייזן מרה־שחורהדיק
אַרום
ביי מיר אין קאָפּ
און לאָזן אין מיין צימער
איבער
אַ בייזן ים.

ערגעץ שפּרייט זיך אויס
אַ לעכערדיקע נעץ
און פּרוווט אריינכאַפּן
אין שלינג אַריין
אַן אָפּגעשפּאָרטע
נע־ונדנע
טרער.

שווער
איז די פֿאַרפּלאָנטערטע
אַמאָליקע מחשבות
צו זייערע
בייזע היינטן
צו דערשלעפּן.

ביז פּלוצעם
זינק איך
מיט מיין נעבעכדיקן גוף
אַריין
אין ארץ־קודשדיקן
פֿלאַמענדיקן
סטעפּ.

סאַראַ גערדריי פון ווינטן
אינעם מוח
און פון טרעפ.

ביים ראַנד פון הייסן טאָג
שטרעקט אַלץ
זיך מאָדנע אויס
און טוט אַ דראָזש
אַ לויף אַריין
מיט פייערדיקע
מעסערס
דורך אַלע מיינע הויטן.

איבער כל המינים טויטן
טוט פרום די נאַכט
אַ ברום
און די רקיעים און מזלות
צעהוידלען זיך
אין אָפשיינען
פון אַ געביטענעם אַרום
און איך,
איך ברענג אַ קרבן מיך
און מיין האַלב אויסגעקרומטן
אַלטן גוף.

די שטילקייט טוט דערווייל
צו גאָר אַן אַנדער שטילקייט
איבערשיקן
אַ טשיקאַווען רוף
און בלייבן בלייבט מיר,
נאָר אַ רגע בלויז,
צו זען
ווי די גלגלים טוען זיך
פון מיר

העט ווייט אָפּרוקן
און עמעצער
העט דאָרט
טוט מיט אַ הימלדיקער
פּאַטערלעכער זאָרג
אַ גלעט מיך
און באַלד אַ שאַרפן
ברי
און שטאָך
טיף אין מיין רוקן.

# פרעמדע עולמות

פרעמדע עולמות
זינקען טיף אַריין
אין אַלטע פּנימער
וואָס קוקן טויט אַרויס
פון שפּאַלטן
אין מיין פענצטער.
וואָס זוכן זיי אַרום אָט דאָרט?

ס'איז שפּעט,
און וואָס געווען איז פריער
ווערט מיטאַמאָל אין מיר
אַן אומגעלומפּערטער
דערנאָך.

ס'אַ יענע וואָך.
נאָר פענצטער
לאָזן מיך ניט רוען
און איך
לאָז אויך ניט רוען
זיי.

אַ ברודנער נאַכט פּאַרגאַנג
ברענט שטיקער אויס
פון אָנגעבלאָזענע
און לויפנדיקע כמאַרעס.

איך ברען
און העלפן קענען מיר
ניט העלפן מער
לאַנג אָפּגעברענטע
ווייטן.

די וועלט
ווערט ערגעץ
ווילד געשטויסן מיטאַמאָל
פון אַלע זייטן.

ביז באַלד דערמאָן איך
מיך
אַז ס׳איז געווען
אָט דאָ
אויף דער פאַרברענטער
ערד,
אַ מענטש.

איז וואָס אַז ס׳איז אָט דאָ
געווען אַ מענטש?
איז ער געווען
אַ מענטש?

# ווער הייסט דיר זיין אַ קין?

ווער נאָך אין אַלע עולמות
איז אָט אַזוי ווי דו
געבוירן אין אַ געטלעכער
געשטאַלט?
איז וואָס זשע רוקן אַלע
זיך אַוועק פון דיר
און לויפסט זיי נאָך מיט אַ גוואַלד?

די חיות קענען ניט פאַרטראָגן
דיין גערוך.
מלאכים ציילן די חטאים דיינע
אין זייער סודותדיקן בוך.

קרוין פון דעם באַשאַף
דו נוצסט אַ פויק,
ווייל קענסט ניט שפילן
אויף קיין האַרף.

צעפויק זשע
ביז צו אַלע זיבן הימלען:
מותר האדם מן הבהמה
אין.

האָסט געקענט, אַוודאַי,
זיין אַ צדיק —
איז ווער־זשע הייסט דיר
דווקא
זיין אַ קין?

# ערב פּסח

מיין טאַטע שפּאַרט זיך
מיט מיר
לאַנג אַרום
אין די פּאַרטאָגיקע הוריות —
ער האָט נאָך,
אויף זיין צד,
סך הכּל,
הדרת פּנימדיקע זיידעס
און אַ קייט
פון בראשיתדיקע אָבות.
ווי־זשע קומט עס
וואָס ער רופט אין מיר
אַרויס גאָר
אפּיקורסישע מחשבות?

איך שלאָג מיין קאָפּ
מיט שווערע האַמערס
און
פּטיש יפוצץ סלע.
ערגעץ וואַרפט מען מיך,
פון וויסטן
כּף הקלע
און אין מיטן
פון דעם וואַרפן
שריַי איך,
שריַי
צו זיך אַליין
פאַרוואונדערט:
— דו, פון זינדיקן יאָרהונדערט,
אויב דו פאָלגסט ניט
דיינע אָבות,

וואָס־זשע טראָגסטו זיי אַרומעט
אין די זינדיקע
מחשבות?

און איך כאַפּ אַ בליק
אין שפּיגל,
ווען ער מאַכט צו מיר:
— וואָס ווייסער?
עפּעס ציטערט
אין דיין מוח
זייט דעם ים־סוף
ערב פּסח.

# פאַרוואָס

אַרויס מיין ליד
און בלאָנדזשע
שטוינענדיק
אויף אָט דער ערד —
אויב בלאָנדזשען איז
דער עיקר
פון מיין לעבן.

וואָס האָסט געגנאַשט,
ניט ווילנדיק,
פון אָט דער וועלט,
ביסטו בכוח
איר, אַמאָל,
צוריק צו געבן?

די אויגן פינצטערן,
די ווערטער פעלט
אַ וואָג און מאָס.

וואָס דו קענסט גרייכן
איצט,
מיין ליד,
איז בלויז דאָס פרעגן אָפט:
צוואָס?
פאַרוואָס?

# אינהאַלט

■


שטויב און הייביקייט ... 10
גרענעץ ... 12
טרערן ... 14
אין דער היים ... 15
אין דיר ... 16
איבערשרעקן ... 17
אַזויפיל נאָדלען שטעקן ... 18
ווייסטו פאַרוואָס ... 20
מיין צעהוידלטער וואָגן ... 21
אויפן ים ... 22
ווערבע ... 26
**Con amore** ... 27
מיט קורצע הענט ... 28
די צוריקן ... 29
מ׳שלאָפט ... 31
אַ פאָר שויבן ... 33
ווען עס ברענען דיביימער ... 34
געהאַט אין זינען? ... 35
ווו מאָנט מען אַ פּנים? ... 36
אדם שטוב ... 38
צי וואָלט אַמאָל ... 39
מיין אַלטער זיידע ... 41
ביינאַכטן ... 43
אַ רייטער ... 45
דער שכּורער חלום ... 46
האַלב אין דער קרום ... 47
שברי־קולות ... 49
וועסט באַצאָלן ... 51
צלמים אין דער נאַכט ... 52
נאָך דער עקידה ... 56
פלאַנצן ... 58
די אַמאָליקע פּאַווע ... 60
די מויז ... 61
איינס און איינס איז דריי? ... 63
אין דער פרעמד ... 65
טרעפּ ... 66
אויסוואַשן ... 69
בעטלער ... 70
נאָסטאַלגיע ... 72
שפּעט איז אויף דער וועלט ... 75
פּיעכאָטנע ווערטער ... 77
האָסט אַ ברירה? ... 79
בראשית ברא ... 80
וואָס באַוואָרנט מיך? ... 81
אויף אייביק ... 82
פאַר מיינע אויגן ... 83
ראַטעווע משיחן ... 84
הינטער אותיות ... 85
ביי אַ בלייכער וואַנט ... 87
אין די בלוטן ... 90
אַ חידוש ... 92
אַזויפיל אויגן ... 93
לאל עורך דין ... 95
די אויגן האָבן שוין גענוג ... 98
דער וואָגן ... 99
עלעגיע ... 101

אין די בליקן....................103
אַ בוים אין פעלד..................104
נבואות.......................105
אין מיין ליד.....................107
אַ ריר מיטן סמיטשיק...............108
וואָס איז אַוועק?...................109
אויב דו ווילסט וויסן...............113
מאחורי הפּרגוד..................114
עפר ואפר.......................116
קריעת ים־סוף....................119
מיין מאַמעס גראָשן.................121
שטייט אַ בוים.....................123
הללו־יָה.........................125
ליל שמורים.....................127
וואָס האסטו פונעם שבת..........130
קומט צוריק.....................132
וואָס וואָלט געבליבן?...............133
אפשר שוין צייט..................134
אַ נייער מענטש...................136
אייביקער........................140
אַנטלאָפן.........................143
אַ ברי איבערן רוקן.................145
פרעמדע עולמות...................148
ווער הייסט דיר זיין אַ קין?.........150
ערב פסח........................151
פאַרוואָס?........................153

## פון זעלבן מחבר:

•

**פאָרמען אין ברען**
דערציילונגען, 1937־38, ווילנער פאַרלאַג
פון ב. קלעצקין

**דורות שרייען מיך אַריבער**
לידער געדרוקט אין מאָנטרעאַל, 1969
(באַקומען די י.י. סיגאַל ליטעראַטור־פּרעמיע)

**אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין**
אַרויסגעגעבן פון "מ. חסיד בוך פאָנד קאָמיטעט"
מאנטרעאָל, קאַנאַדע — תשל"ה —
1975